STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08302

DOS LEBN NOKH FAR MIR

Nusia Szyfman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נוסיאַ און איניאַ שיפּמאַן

*

„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...

...Całe życie przede mną...

„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...

נוסיאַ און איניאַ שיפּמאַן

בריוו פון געטא און לאגער

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

„יד ושם" — ירושלים

1962

NUSIA AND INIA SZYFMAN

„MY WHOLE LIFE IS BEFORE ME"

Letters from Gheto and Camp

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv
*
Yad Washem, Jerusalem

צוגעגרייט צום דרוק: נחמן בלומענטאַל
איבערגעזעצט פון פויליש: בינום העלער

©

נדפס בישראל, 1962
Printed in Israel

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

נוסיא און איניא שיפמאן

*

„דאס לעבן נאך פאר מיר"...

— — jesteśmy silne i dobrej myśli. Całe życie przede mną; mam dość energii, żeby walczyć, i zdrowia, żeby się nim cieszyć. (Poniatowa, 4.6. 1943). Nu

קינדיש־נאיוו, פול מיט לעבנספרייד און זעלבסטזיכערקייט זענען די בריוו פון דער עלף־צוועלף יעריקער איניאַ (אירענאַ) און דער פערצן־פופצן יעריקער נוסיא (אַננאַ) שיפּמאַן. עס קומט אין זיי צום אויסדרוק — חוץ דער אומבאַגרענעצטער ליבע צו זייערע עלטערן — דער גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט, דער גלויבן אין אייגענעם כוח צו קאָנען געשטאַלטן דאָס לעבן לויטן אייגענעם איינזען, לויטן אייגענעם ווילן. און הגם די בריוו זענען געשריבן אין די גרויליקסטע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, זעט מען אין זיי נישט קיין שפור פון יענער פינצטערער און גרויזאַמער צייט. אַלץ איז אין די בריוו אַזוי לויטער־קלאָר, אַזוי אָפנהאַרציק און גוט, אַזוי מענטשלעך־אײדל און גלייכצייטיק אַזוי העלדיש־מוטיק.

פונדעסטוועגן שפּיגלט זיך אָפּ אין די דאָזיקע בריוו אומ־בכיוונדיק און קעגן דעם ווילן און באַוווּסטזיין פון די שרייבערינס — דער גורל פון זייער משפּחה, דער גורל פון אַ יידישער משפּחה, אין דער גאַנצער טראַגישקייט פון יענער צייט. ווייל דווקא דאָס, וואָס די צוויי קינדער האָבן שרייבנדיק געוואָלט אין זיך אַליין דערשטיקן און נישט דערלאָזן, ס'זאָל קומען צום אויסדרוק אין זייערע בריוו, דווקא דאָס נישט דערזאָגטע, דאָס פאַרבאַהאַלטענע, פאַרהיימלעכטע — קומט אונדז אויפן רעיון, ווען מיר לייענען די בריוו... היינט צו טאָג. אומווילנדיק וואַרפט זיך אין די אויגן דער תהום צווישן דער גרויליקייט פון יענער צייט, וואָס מיר קענען פון אַנדערע מקורות, און דעם אינהאַלט פון די בריוו. צוויי פאַרשידענע, אַנט־קעגנגעזעצטע וועלטן.

ווי אַזוי האָבן געקאָנט אויפן פּאָן פון דעמאָלט־געשעענעם אַרויסשפּראָצן אַזעלכע צאַרטע און איידעלע געשטאַלטן ?

דאָס איז איינס פון יענע סודות־פּראָבלעמען, וואָס יענע עפּאָכע האָט אונדז איבערגעלאָזט... נישט פאַרענטפערט.

גענעזע פון די בריוו

ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די משפּחה שיפּמאַן געוווינט אין לאָדזש. דער פאָטער, דאָקטאָר מעדיצין, אַרבעט אין פּאָזנאַנסקיס יידישן שפּיטאָל, צוגלייך פירט ער אַ געזעל־שאַפטלעך פּאָליטישע טעטיקייט, (טאָז, אָזע, איז מיטגליד פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, לינקער פליגל), און אין קעגנזאַץ צום רוב אַסימילירטע דאָקטוירים, האָט ער ליב אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס מיט אַ פּשוטן ייד, רעדט מיט אים פּראָסט יידיש און לערנט פון אים וועגן... פאָלקסגעזונט. קנאַפּ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה ווערט ד״ר שיפּמאַן, ווי אַ רעזערוו־אָפיציר, מאָבילי־זירט אין דער פּוילישער אַרמיי.

דעם 17.9.1939, ביים צעפאַלן זיך פון דער פּוילישער מדינה, גייט ד״ר שיפּמאַן אַריבער די רומענישע גרענעץ און ווערט דאָ מיט טויזנטער אַנדערע פּוילישע אָפיצירן אינטערנירט אין לאַגער טאַרגאַוויסטאַ און דערנאָך קאַלימאַנעשטי. אָנהייב 1941 ווערן די אָפיצירן איבערגעגעבן דורך די רומענער צו די דייטשן, וועלכע פירן זיי אַריבער קיין דייטשלאַנד אין אַ לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע, ווו זיי פאַרבלייבן ביז סוף מלחמה.

די איבערגעבליבענע אין אָקופּירטן פּוילן משפּחה: פרוי רבקה (ראַיאַ), פון דער היים פּיקיעלני, מיט אירע צוויי טעכטערלעך, אננא (נוסיאַ), געבוירן 1928, און אינציאַ (אירענאַ), געבוירן 1931, צוגלייך

מיט פיל אַנדערע נענטערע און ווייטערע קרובים, פאַרלאָזן דעצעמ־בער 1939 לאָדזש, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צום רייך, און פאָרן אַריבער קיין וואַרשע, וווּ — ווי מען האָט געהאָפט — וועט זיין לייכטער פאַר יידן איבערצולעבן די מלחמה־צייט.

דאָ באַזעצן זיי זיך קודם אויף איינער פון די בעסערע יידישע גאַסן, זיעלנא 6/6, אין דער פרייער וווינונג פון אַדוואָקאַט פיליפּ טאַובער, וואָס האָט פאַר דער מלחמה פאַרלאָזט פוילן. די קינדער לערנען, שפּילן זיך. נוסיא ווייזט אַרויס ליטעראַרישע פעיקייטן — שרייבט לידער.ביידע פון דער נאַטור באַגאַבטע, און מ׳זאָגט זיי פאַר אַ גלענצנדיקע צוקונפט... די משפּחה האַלט אַן נענטערע, נאָרמאַלע, פרידלעכע באַציונגען מיט קרובים, פריינט און גוטע באַקאַנטע, מערסטנס, אויך אַריבערגעקומענע פון לאָדזש, און עס וואָלט זיך געדאַכט, אַז אַפילו אין די מלחמה־באַדינגונגען, הגם פון טאָג צו טאָג ווערט דאָס לעבן שווערער, ס׳איז דאָך מלחמה! — זענען זיי דאָך, מער־וויניקער, פאַרזאָרגט, אויף יעדן פאַל פיל בעסער, ווי דאָס רוב יידן. וועגן אומקום צי נאָך אַזעלכע זאַכן, קומט זיי אַפילו נישט אויפן רעיון! די איינציקע זאָרג זייערע איז דער מאַן, דער פאָטער, וואָס איז אַוועק אין דער מלחמה...

ביז ס׳קומט אָן דורכן רומענישן ראַדיאָ די ערשטע ידיעה אַז ד״ר שיפּמאַן איז אינטערנירט אין רומעניע. דורכן אינטערנאַ־ציאָנאַלן רויטן קרייץ קומען אויך באַלד אָן פערזענלעכע בריוו פון געפאַנגענעם. אָט אַזוי, הייבט זיך אָן די קאָרעספּאָנדענץ.

די זאָרג פון דער משפּחה פאַרשטאַרקט זיך מיטן מאָמענט, ווען ס׳קומט אָן פון ד״ר שיפּמאַן אַ בריוו פון אַ לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אין דייטשלאַנד, דעם לאַנד פון שונא גופא. צו יעדן בריוו איז צוגעלייגט אַן אָפיציעלער פאָרמולאַר אויף אַן ענטפער. די משפּחה געניסט פון רעכט צו ענטפערן. און די קאָרעספּאָנדענץ גייט ווייטער אָן.

די לאַגע פון די קריגס־געפאַנגענע ענדערט זיך כמעט נישט

במשך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. דאַקעגן, וואָס איז נישט געווען צום פאָרויסזען, מיט דער ציוויל־באַפעלקערונג, מיט די יידן אין אָקופּירטן פּוילן, קומען פאָר גרויסע שינויים. זיי הייבט אָן דראָען געפאַרן... אין וואַרשע אַנטשטייט אַ געטאָ...

די גאַס זיעלנאַ ווערט אויסגעטיילט פון יידישן קוואַרטאַל. די משפחה טראָגט זיך אַריבער אויף לעשנאָ 54/12. די לעבנסבאַדינגונגען ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגערע, פּשוט נישט צום איבערטראָגן, ביז עס קומט די גרויסע אַקציע (21.9.1942—22.7.1942). דרייהונדערט טויזנט יידן ווערן פאַרשלעפּט קיין טרעבלינקע, דירעקט אויף אומקום, צווישן זיי געפינט זיך אויך ראַיאַ, די מוטער פון די צוויי קינדער (פאַרכאַפּט אָנהויב סעפּטעמבער), זייער באָבע, ראָזע, און אַנדערע קרובים. אָבער די קאַרעספּאָנדענץ מיטן פאָטער גייט ווייטער אָן. עס פירן זי איצט פּינקטלעך און „נאָרמאַל" די מיט איינמאָל אויסגעוואַקסענע קינדער, אַבי נאָר באַרויקן דעם פאָטער, ער זאָל נישט איבערקלערן וועגן זיי!

דאָס גרויסע געטאָ אין וואַרשע ווערט ליקווידירט. אויף זיין אָרט אַנטשטייען געשלאָסענע שאָפּן, אַרבעט־שטעלעס, מיט וווינערטער פאַר די אין זיי אַרבעטנדיקע יידן. נוסיא מיט איר שוועסטערל (עלף־צוועלף יעריקער) באַקומען ביידע אַרבעט, (וואָס פאַר אַ גליק!) און זענען אַזוי־אַרום פאַרזיכערט מיט אַ קאַרג שטיקל ברויט און... מיטן רעכט צו לעבן. זיי ווערן באַזעצט אין שאָפּ פון טעבענסן אויף פּראָסטאַ 14. פון אָנהייב האָט נאָך דאָ געוווינט מיט זיי ראַיאַ און איר מוטער, די באָבע שרה פּיקיעלני, וועלכער ס'איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיך בעת דער גרויסער אַקציע, אָבער אויך דער שאָפּ שטייט פאַר אַ ליקווידאַציע, די אַרבעטער ווערן אַריבערגעשיקט אין „אַרבעטס־לאַגער" פּאָניאַטאָווע, אין פּילעווער קרייז (לובלינער דיסטריקט), ווו די אַרבעטנדיקע יידן ווערט פאַרזיכערט דאָס לעבן ביז נאָך דער מלחמה...

מיט די דאָזיקע אַרבעטער קומען אויך אין מערץ 1943 די צוויי

קינדער קיין פּאָניאַטאָווא. שוין אָן זייער באָבע, וואָס ווערט צוליב איר שוואַכקייט איבערגעפירט אין שפּיטאָל אויף גענשע 6 (קומט שפּעטער דאָ אום בעתן געטאָ־אויפשטאַנד). אָבער אויך פון דעם נייעם אָרט, וואָס איז אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, גייט ווייטער אָן די קאָרעספּאָנדענץ מיטן פאָטער, הגם דאָס איז איצט באַדייטנדיק פאַרשווערט, און די קאָרעספּאָנדענץ ציט זיך ביזן טראַגישן סוף... נעמלעך, ביז דער ליקווידאַציע פון לאַגער צוזאַמען מיט אַלע זיינע איינוווינער, דערונטער ביידע קינדער: נוסיאַ און איביאַ.

אינהאַלט פון די בריוו

די בריוו טראָגן אַ פּריוואַטן, אַ פאַמיליען־כאַראַקטער. זיי דערציילן, ווי ס׳לעבט זיך „גוט" אין געטאָ, אין שאָפּ, אין לאַגער. זיי דערציילן וועגן פאַמיליען־פייערונגען, געבורטסטאָג, יאָרטאָג פון דער חתונה, וועגן אויסזיכטן פון אַ גיכן און גוטן סוף פון דער מלחמה. זיי דריקן אויס צופרידנקייט און ווילן דאָס זעלבע איינרעדן דעם צווייטן צד. אויך דער פאָטער פון זיין זייט שרייבט גוטע בריוו פון זיין לאַגער און העלפט פון דערווייטנס מיט וואָס ער קען נאָר. אָבער ביידע צדדים קענען זיך קעגנזייטיק זייער גוט און פילן אַ חשש איינער צום אַנדערן; יעדער איינער פון זיי, וויסנדיק, אַז ער אַליין פעלשט די אמתדיקע סיטואַציע, כדי נישט גורם זיין קיין עגמת־נפש דעם צווייטן, האָט מורא, אַז אויך דער צווייטער צד טוט דאָס זעלבע... צוליב די זעלבע מאָטיוון. כדי דעריבער צו דערוועקן צוטרוי צו זיך, צו אירע בריוו, און דערמיט אָפּצוטאָן יעדן צווייפל ביי איר פאָטער אין איר אויפריכטיקייט, פאַרשווערט זיך די עלטערע נוסיאַ נישט איינמאָל, אַז זי שרייבט בלויז דעם

אמת, און זאָל דער פאָטער חלילה נישט מיינען, אַז זי שרייבט גוט בלויז דערפאַר, וואָס זי וויל אים נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. וואָס ערגער די סיטואַציע, אַלץ מער אַזעלכע פאַרזיכערונגען; קענטיק, די שרייבערין האָט מורא, אַז דער פאָטער זאָל זיך נישט דערוויסן עפּעס מן הצד, וויל זי דאָס פאַרכאַפּן.

דער אָפּטימיזם פון די בריוו — פּשוט אַן אומגלויבלעכער. צי איז ער ביי דער קליינער נוסיא בלויז אַן אויסדרוק פון זאָרג פאַרן גורל און געזונט פון איר געליבטן פאָטער? זיכערלעך נישט!

אַרום אַ תהום. די מוטער ווערט צוגענומען און אָפּגעפירט ווי אַלע איבעריקע פאַרכאַפּטע יידן, קיין טרעבלינקע. און די קליינע נוסיא גיט דאָס איבער דעם פאָטער, ווי די מוטער וואָלט ערגעץ־ווו אַרויסגעפאָרן, אויף אַ קורצער צייט, און זיי וועלן זיך בקרוב ווידער טרעפן. עס איז בלויז שווער אָנצוקניפּן מיט איר אַ פּאָסט־פאַרבינדונג, ווייל ס'איז דאָך מלחמה־צייט! אפשר וועט דאָס גע־לונגען דעם פאָטער, דעם קריגס־געפאַנגענעם ביי דער מיטהילף פון אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן. אָבער דער גלויבן, אַז די מוטער לעבט — אָטעמט פון יעדער שורה פון נוסיאס בריוו.

די פריער געפּיעשטשעטע קליינע קינדער אַרבעטן איצט שווער אין געטאָ, אָבער קיין איין קלאָג־וואָרט וועגן דעם! פאַרקערט! ווי אַרבעטנדיקע זענען זיי „פּריווילעגירטע”, האָבן וואָס צו עסן, שפּילן זיך אין דער פרייער צייט — און אין פּאָניאַטאָוואַ איז ממש אַ גן עדן: גוטע וווינונגען, גוטע לופט...

אויף אַזוי ווייט גייט די זעלבסטפאַרלייקענונג פון די קליינע קינדער, וואָס די גרויזאַמע פּאַסירונגען האָבן זיי מיט איינמאָל רייף געמאַכט.

די גרויסע וועלט־און געטאָ־געשעענישן קומען דאָ נישט צום אויסדרוק. מ'הערט אַפילו נישט זייער ווידערקול פונדערווייטנס. די קינדער זענען פאַרטאָן אין זייער לעבן.

מיט דער צייט, איז קענטיק פון די בריוו, דערוועקט זיך אין

נוסיאַן אַ נייער געדאַנק, אַ נייע וועלט־אויפפאַסונג, וואָס נאָר יענע גרויליקע צייט האָט געקאָנט אין איר אַרויסרופן. זי הייבט אָן פאַרשטיין, אַז איר און דער גאַנצער סביבה אירער דראָט אונטער־גאַנג. אָבער גלייכצייטיק דערמיט ווערט אין איר רייף דאָס באַ־וווסטזיין פון אייגענעם כוח, פון אייגענער קראַפט. דעם דראָענדיקן שלעכטס דאַרף מען זיך אַנטקעגן שטעלן, קעמפן, און נוסיאַ איז זיכער, אַז פון דעם קאַמף וועט זי אַרויס די זיגערין. זי איז יונג, געזונט, שטאַרק און קעמפט דאָך דערצו פאַר אַ גערעכטער זאַך!

דער דאָזיקער געדאַנק, הגם פאַרזיכטיק אויסגעדריקט — צוליב דער טאָפּלטער צענזור וואָס די בריוו גייען דורך — דריקט זיך אויס אין די לעצטע בריוו, געשריבענע פון לאַגער פּאָניאַטאָווא. „מיר וועלן זיך נישט לאָזן" — שרייבט זי אין איינעם פון אירע לעצטע בריוו; אין אַן אַנדערן, פון אויגוסט 1943, וואָס איז צום באַדויערן פאַרלוירן געגאַנגען, שרייבט זי (לויטן זכרון פון איר פאָטער): „וואָס עס זאָל נישט זיין, וועלן מיר זיך אויסקעמפן אַ בע־סערן מאָרגן" (Jakby nie było, wywalczymy sobie lepsze jutro).

כדי מ'זאָל דאָס ריכטיק פאַרשטיין, דאַרף דאָ נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער בריוו איז געשריבן פון לאַגער פּאָניאַטאָווא, אין דער צווייטער העלפט פון 1943 יאָר, ווען כמעט דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום איז שוין געווען אומגעקומען!

מיט וויפל גייסטיקע ענוים איז געבונדן דער דאָזיקער אינער־לעכער קאַמף פון אַ יונג מיידעלע, איידער זי האָט געפונען דעם דאָזיקן אויסוועג! — און אויך דער סוד, וויאַזוי זי איז צו דעם געדאַנק דערגאַנגען, האָט די שרייבערין מיטגענומען מיט זיך...

מיר וויסן היינט אַז אין דעם לאַגער האָט זיך טאַקע געפירט אַן אונטערערדישע אַרבעט; מען האָט געגרייט געווער אויפן פאַל, ווען ס'וועט קומען די ליקווידאַציע פון לאַגער; ס'האָבן זיך אָרגאַ־ניזירט קאַמפּס־גרופּן... און גאַנץ זיכער איז, אַז נוסיאַ איז געווען

אין זיי מיטבאַטייליקט. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען איר צום האַרצן... דאָס קומט קלאָר צום אויסדרוק אין אירע לעצטע בריוו.

נאָך פּלוצלינג, אומגעריכט, אין דער נאַכט פון זיבעטן אויפן אַכטן נאָוועמבער, 1943, איז אַ גרויסע צאָל עס־עס־לייט באַפאַלן דעם לאַגער — און לויט זייער מעטאָד, דעם גוט אויסגעפּרוווטן — אַלעמען אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן און געיאָגט צו די גרייטע קברים, וואָס אין וואַלד, ווו זיי זענען מיט מאַשינגעווער אויס־געשאָסן געוואָרן. צווישן די קדושים־גיבורים האָבן זיך אויך גע־פונען די צוויי שוועסטערלעך נוסיאַ און איניאַ...

און אַזוי זענען פאַרלוירן געגאַנגען גרויסע מעגלעכקייטן פון נישט־דורכשניטלעכע קינדער, אויף וואָס עס זאָגט עדות צווישן אַנדערן דאָס בינטל בריוו און איין איינציק ליד, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט און איז ווי אַ פּערל אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט און ווי אַ קרוין פאַר דער יונג־פאַרשניטענער דיכטערין... דאָס איין און איינציקע ליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, וועט אויף אייביק בלייבן אַ וויי־געשריי פון אַ נישט אויסגעלעבט לעבן און צוגלייך אַן אויפפאָדערונג־פאַרוואורף צו דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט דערצו צוגעלאָזט, הגם דאָס ליד האָט נישט צו טאָן מיט די געשעענישן פון יענער צייט און איז אַ טיף־דיכטערישע באַשריי־בונג פון אַ נאַטור־דערשיינונג! און דווקא דאָס איז אַן עדות פון גרויסער קינסטלערישער באַגאַבונג!

* * *

און די „גרויסע" אַקציע פון „ליקווידירן" עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, אַדורכגעפירט לויטן באַפעל פון די צענטראַלע אינ־סטאַנצן אין בערלין, איז דורך די דייטשע הענקער באַצייכנט גע־וואָרן מיטן שיינעם, סימבאָלישן נאָמען Erntefest (דער יום־טוב פון שניט).

דאָס ליד פון דער קליינער נוסיאַ „די מאַי־נאַכט", פון איין זייט און Erntefest פון דער צווייטער זייט.

פון דעם גרויסן חורבן, אונדזערן איז געבליבן לפי ערך אַ גרויסע צאָל דאָקומענטן פון דייטשע מקורות — און מיט זיי דער עיקר פאַרנעמט זיך די געשיכטע־פאָרשונג פון אונדזער צייט; אין אַ קלענערער מאָס האָבן זיך אָפּגעהיט דאָקומענטן פון יידישע מקורות. צווישן זיי פאַרשטענדלעך האָבן זיך דערהויפּט אָפּגעפונען מקורות, דאָקומענטן פון אַן אָפיציעלן כאַראַקטער, פון די יודענ־ראַטן, קאָרעספּאָנדענץ פון יידישע אינסטיטוציעס מיט דייטשע אַמטן א. א. וו. דאַקעגן גאָר ווינציק איז — צו אונדזער באַדויערן, אין פאַרגלייך מיטן פאַרנעם פון חורבן — די צאָל דאָקומענטן פון ריין יידישן, אינערלעכן — אַזוי צו זאָגן — כאַראַקטער: טאָג־ביכער, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, רשימות א. א. וו. און נאָך ווינציקער איז געבליבן בריוו געשריבן פון מענטש צו מענטש, פון ייד צו ייד, וואָסביידע האָבן זיך געפונען אין שונאס נעגל. מכל שכן איז דאָס שייך בריוו געשריבן פון קינדער. שוין דער פאַקט גופא לייגט אויף אונדז אַרויף די פליכט, נישט פאַרבאַהאַלטן זיי אין אונדזערע אַרכיוון, נייערט מאַכן זיי צוטריטלעך פאַר דער ברייטער וועלט־עפנטלעכקייט. בפרט, אַז די בריוו, ריין פערזענלעכע, זענען נישט בלויז פון אַ פּריוואַטן כאַראַקטער. זיי האָבן פאַר אונדז אַ ברייטערן זינען, כ'וואָלט געזאָגט, אַ נאַציאָנאַלן. זיי שפּיגלען דאָס אָפּ די נשמה פון אונדזער יונגן דור, וואָס איז אַזוי פּריציייטיק און ביטער פאַרשניטן געוואָרן. זיי ווייזן אונדז די אינערלעכע יסודות, די קערנ־דלעך, פון וועלכער ס'האָבן זיך פּאָטענציעל געקאָנט אַנטוויקלען יידישע געשטאַלטן, יידישע גיבורים, העלדן. זיי ווייזן אונדז די מאָראַלישע יסודות פון אַ יידישער משפחה, פאַרן און בעתן אונ־טעראַנג — יסודות, וואָס מיט זיי קאָן אַ פאָלק שטאָלצירן.

די דאָזיקע בריוו, דאָקומענטן, וואָס מיר ברענגען דאָ אָן שום

שינויים, מיט די ווינציקסטע, נויטיקסטע קאָמענטאַרן, זאָגן וועגן דעם עדות!

נישט געקוקט אויף אַלץ, אויף די שווידערלעכע פּאַסירונגען פון יענער צייט, זענען אָט די מאָראַלישע יסודות פון יידישן קינד געבליבן נישט באַרירט.

דאָס געזאָגטע איז נוגע בכלל דער אַלגעמיינער לאַגע פון די יידן אונטער דער דייטש־נאַציסטישער אָקופּאַציע. און וואָס שייך דעם לאַגער פּאָניאַטאָווא, וואָס איז אַזוי אומברחמנותדיק און אומפּאַר־האָפט פּלוצים, מיט איינמאָל פאַרשניטן געוואָרן, און פון וועלכן — אויב איך בין זיך נישט טועה, קיין איין דאָקומענט פון יידישן מקור, פון דעם לעצטן עטאַפּ האָט זיך נישט אויפגעהיטן — זענען די בריוו פון די צוויי קינדער געשריבן פון דעם לאַגער (בס״ה 7 אין צאָל) פון גאָר אַ באַזונדערן היסטאָרישן ווערט, איינציקע אין זייער מין; איך וואָלט זיי באַצייכנט מיטן וואָרט „אינקונאַבולן״.

אָבער די דאָזיקע בריוו האָבן פאַר אונדז יידן נישט נאָר אַ באַדייטונג ווי גלאַט געשיכטלעכע מקורות, זיי האָבן פאַר אונדז אויך אַ גרויסן דערציערישן און נאַציאָנאַלן ווערט. זיי שפּיגלען דאָך אָפּ די גייסטיקע און מאָראַלישע גבורה פון אונדזער יונגן דור, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן נאָך איידער ער איז רייף געוואָרן, נאָך איידער זיינע סגולות האָבן געקאָנט זיך אויספּאָרעמען, באַקומען זייער אויסערלעכן, פיזישן לבוש. און אין דעם זינען שטייען די דאָזיקע בריוו אין איין ריי מיט די אַנדערע, ווינציקע ביז איצט פאַרעפנטלעכטע זכרונות פון אונדזערע יונגע מאַרטירער — משה פלינקער, אַננאַ פראַנק, גוסטאַ דרענגער־דודזאָן.

אין געוויסע פּרטים — צוליב זייער אוממיטלבאַרקייט, נישט ליטעראַרישקייט, צוליבן יונגערן עלטער פון די שרייבערינס — שטייען אפשר די דאָזיקע בריוו — —אויב נישט נאָך העכער!

נחמן בלומענטאַל

*

מיר ברענגען די בריוו אין כראָנאָלאָגישן סדר, אין אַ ווערטלעכער איבער־זעצונג. ביי דער דאַטע פון בריוו, אין קלאַמערן, די דאַטע פון פּאָסט־סטעמפּל. אויך דאָס פאַרגלייכן דיביידע דאַטעס, לאָזט אונדז טיילמאָל לערנען עפּעס וועגן יענער צייט.

אַלץ, וואָס שטאַמט פון אונדז אין די בריוו, ווערט איבערגעגעבן אין עקיקע קלאַמערן. אומפאַרשטענדלעכע פּאַר אונדז שטעלעס ווערן באַצייכנט מיט אַ פרעגצייכן אין קלאַמערן. נישט־לייענעוודיקע שטעלעס ווערן באַצייכנט מיט אַ ליידיק אָרט.

צו די בריוו ווערן צוגעגעבן צום סוף הערות, באַצייכנט מיט די נומערן פון יעדן בריוו באַזונדער. דאַקעגן ווערן צוליב עסטעטישע און אַנדערע טעמים. נישט באַצייכנט אין די בריוו די באַזונדערע שטעלעס, צו וועלכע די הערות האָבן אַ שייכות.

די פאָטאָגראַפיעס זענען נומערירט מיט באַזונדערע נומערן. אויך צו זיי האָבן מיר צוגעגעבן קורצע באַמערקונגען, וואָס גייען נאָך די הערות צו די בריוו.

וואַרשע

17.5.1940 — 16.2.1943



Warszawa 17.V.42

Kochany Tatulku!

Wczoraj otrzymaliśmy depeszę od Ciebie. Bardzo się nią ucieszyłyśmy, nie spodziewałyśmy się tak szybkiej odpowiedzi. Jesteśmy zdrowe i wesołe. Coraz bardziej wierzę w przeznaczenie i wierzę, że Bóg ręką Bożą tak wszystko pokieruje jak będzie najlepiej. Teraz Ci napiszę jeden mój wierszyk. Nadaj sam tytuł

~~Majowa noc~~

Księżyc srebrny
Schronił się za chmury
Wieczór ciemny,
Tak jak rzadko który.

Na całych niebiosach
Jedna jest gwiazdeczka,
Uśmiecha się do mnie
Jak matka do dziecka.

Żal mi cię gwiazdeczko,
Oh! jak żal mi Ciebie
Co dzisiaj samiutka
Błądzisz po tym niebie.

Co noc z [illegible]
Tyś do nas przychodziła
A dziś [illegible]
W mokrych chmurach brodzisz.

A tam na zachodzie
Pośród ~~nowszych~~ czarnych chmur
Ponurych i gęstych
Jak zaklęty bór
Niebo leciuteńko
Bladoróżowieje
Do Ciebie gwiazdeczko
Obłoczkiem się śmieje!

Nie myśl Tatko tylko że to jakiś wymysł bo ~~ważne~~ tak naprawdę było kiedy ~~się~~ siedziałam wieczorem na balkonie.

Całuję Cię we włoski i nosek Twoja Niuska

I

וואַרשע, 17.5.40

ליבער טאַטעשי!

נעכטן האָבן מיר פון דיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט מיט איר. מיר האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ שנעלן ענטפער. מיר זענען געזונט און פריילעך. איך גלייב אַלץ מער אינעם גורל און איך ווייס, אַז גאָט האָט וועט אונדז פירן צום בעסטן. איצט וועל איך דיר אָנשרייבן אַ ליד מיינס, גיב אַליין דערצו אַ קעפּל.

די זילבערנע לבנה
האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ כמאַרע.
דער אָוונט איז טונקל,
אַזוי ווי זעלטן וועלכער.

איך באַדויער דיך, שטערנדל,
אוי, ווי איך באַדויער דיך,
וואָס דו אַזוי איינזאַם
בלאַנדזשעסט היינט איבער דעם הימל.

אויף אַלע די רוימען
פאַראַן איז איין שטערנדל,
וואָס שמייכלט צו מיר,
ווי אַ מוטער צו אַ קינד.

יעדע נאַכט מיט די חברטעס
קומסטו צו אונדז צוגיין,

און היינט, אַז קיינעמען,
שפּאַנסטו אין פייכטע כמאַרעס.

און דאָרט אויפן מערב,
צווישן די שוואַרצע כמאַרעס,
פאַראומערטע, געדיכטע,
ווי אַ פאַרכשופטער וואַלד,

דער הימל לייכט — לייכט
ווערט בלייכראָזעווע.
צו דיר שטערנדל,
לאַכט ער מיט אַ וואָלקנדל!

מיין נאַר נישט, טאַטעשי, אַז דאָס איז עפּעס אַן אויס־טראַכטעניש, אַזוי איז עס אויף אַן אמת געווען, ווען איך בין איינמאָל אין אָוונט געזעסן אויפן באַלקאָן.

איך קוש דיך אין די הערעלעך און אין נעזעלע.

דיין נוסקא

II

12.10 [16.10.1941]

טייערסטער זונעלע! מיר זענען זייער צופרידן וואָס דו ביסט געזונט. מיר ווינטשן דיר, אַז דו זאָלסט זיך דערוואַרטן די זילבערנע חתונה מיט דער ליב[ער] ראַ[יאַ], דיין ליב[נדיקע]

מוטער און הערמן

III



IV



Warszawa 9-VIII-41

Kochanemu Tatuśkowi posyłamy fotogra-
fię przy grze w siatkówkę; ja mam tylko
przyciemnioną twarz, Inia stoi w środ-
ku.

Całujemy nosek, wąsiki, i oczka

Nusia i Inia

Jesteśmy przy naszym domu róg Złotej i
Chmielnej

האַרציקע ברכות און ווונטשן, אַז אייערע חלומות זאָלן מקוים ווערן.

מאַקס

טײַערינקער טאַטעשי! וואָס הערט זיך דאָרט בײַ דיר? וויפל מאָל אין טאָג עסט דו? בײַ אונדז איז אַלץ ווי געווען. דער יאָרטאָג פון אייער חתונה איז אַדורך זייער אַנגענעם. צוזאַמען מיט נוסיען האָבן מיר געקויפט אַ פּרעכטיקע רויז (זי שטייט נאָך) און מיר האָבן געמאַכט אַ פּוטליאַר פאַר דײַנע בריוו. אַלע צוזאַמען זענען מיר געלעגן אין בעט און געטראַכט, אַז בלויז דו פעלסט אונדז. אויף דעם געבוירנ־טאָג פון ראַ גרייטן מיר קעלניש־וואַסער. בײַ אונדז איז הײַנט שוין געפאַלן אַ שניי. בכלל איז שוין זייער קאַלט. מיר עסן נאָך אַ ביסל עפּל. די באָבע פאַרנעמט זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט און זי מאַכט פאַר אונדז פּאַשטעטן מיט פערד־פלייש. נעכטן איז בײַ אונדז געווען די באָבע רוזשע. הערמאַן לויפט אַרום און פאַרזאָרגט אונדז מיט בּיליקן הייצ־מאַטעריאַל אויף ווינטער. איך מוז שוין ענדיקן, ווײַל נוסיאַ לאָזט מיך מער נישט שרײַבן. איך קוש דיך 10 מאָל מער ווי איך וואָלט דיך געקושט דורך דער צייט פון דײַן אָפּוועזנד־קייט. די בענקענדיקע

איניא

מײַן טײַערסטער! דײַנע בריוו זענען אָנגעקומען צו דער צייט. איך האָב זיך טאַקע געװונדערט אין זינען, אַז אויב עס וועט קומען אַ בריוו צו דער צייט — איז דאָס אַ גוטער סימן! ליבער מײַנער! דײַן בריוו האָט אויף מיר זייער שטאַרק געווירקט; איך בין שוין אַזוי לאַנג אָן דײַן מאָראַ־לישער הילף! מאָרגן איז דער געבוירנטאָג. איך האָב נאָך

איין בלאַנק און איך וועל דיר שרייבן אויספּירלעכער. שיק מיר איין עטיקעטע. איך קוש דיך. שרייב ווי דו שלאָפסט.

דיינע

טאַטעלע מיינער! ווי פילסטו זיך? מיר זענען מיט די געדאַנקען ביי דיר, טייערסטער יינגעלע. איך קוש דיך אין נעזעלע, בערדעלע און וואָנצעלע —

נוסיא

III

16.10. [18.10.1941]

דו, מיין טייערסטער לאַלוש! קלוגע און זיסע זענען געווען די לעצטע צוויי בריוו צום יאָרטאָג פון אונדזער חתונה און מיין געבוירנטאָג! איך האָב זיך טאַקע אויסקאָמבינירט, אַז אויב זיי וועלן קומען צו דער צייט — וועט דאָס זיין אַ גוטער סימן פאַר דער צוקונפט. איך וויל דערפאַר גלייבן, אַז אין קומענדיקן יאָר וועלן מיר זיין צוזאַמען.

ביי מיר זענען געווען עטלעכע מענטשן, איך האָב אַפילו געהאַט כיבוד און עס איז געווען זייער האַרציק. נאַטירלעך, אַז יעדער האָט מיר געווונטשן איינס: איך זאָל ענדלעך זיין מיט דיר, זונעלע, אַזוי פיל מאָל בעט איך דיך — שוין מיך נישט, שרייב מיר, וואָס עס פעלט דיר, וואָס קוועלט דיך, ווי אַזוי שלאָפסטו, ווי איז דיין שטימונג. ווייל דו שרייבסט כסדר, אַז אַלץ איז אַזוי גוט — ביז, קעצעלע, איך טראַכט, אַז דאָס אַלץ איז זייער נישט וואָרשיינלעך און דו שרייבסט בלויז אַזוי, כדי מיך צו טרייסטן. היינט האָט צו קובען געקלונגען ה' טשאַפּקאָווסקי; ער האָט געבראַכט הענטשקעס

V

31

VI



וועלכע שיקן (?) און דערציילט, וואָס פּאַראַ „באַצויבערנדיקער מענטש” דו ביסט. קובאַ איז שוין צוריקגעקומען און ער לעבט אין סעפּאַראַציע מיט אַנקען. איך מיין, אַז דאָס איז אַ סך געזונטער. לאָלוש, שרייב אָן צו וואָלמאַנען, אַז ער זאָל דיר שיקן פּעקלעך, ווייל דו שרייבסט דאָך נאָר וועגן אונדז. פאַרשטייי, אַז אויב דו וועסט זיך גוט דערנערן, זיין וואַרעם אָנגעטאָן און אין אַ גוטער פאָרם — איז דאָס אונדזער גליק אין דער צוקונפט. ביי אַ געלעגנהייט דאַנק פרעדזשען — ער טוט פאַר אונדז זייער אַ סך. זעסט, לאָלוש, וואָסערע פריינד דו האָסט! וועגן אונדז זאָלסטו זיין רויק; מיר זענען באַזאָרגט מיט הייצוואַרג (די מאַמע און הערמאַן אויך) און מיר וועלן איבערקומען דעם ווינטער. איך בין שוין אַדורך די פּראָצעדור פון דיין געוועזענעם שעף; ווייזט אויס, אַז קינדער איז לייכטער איבערצוהאַלטן די קראַנקהייט. סעוועק איז געוועזן שווער קראַנק. אָבער ער איז שוין אינגאַנצן געזונט. עס האָט אונדז ווידער באַזוכט פּאַ־לושיאַ (אַ זיסע פרוי). זי גריסט דיך. איך קוש דיך.

דיינע

טייערער לאָלושעק! ראַיושקע האָט באַקומען פון די מיידלעך קעלניש-וואַסער, און פון באַקאַנטע — בלימעלעך א. א. וו. מיר טראַכטן כסדר וועגן דיר, טאַטעשי, און דו פעלסט אונדז זייער. מיר וואָלטן שוין אַלע געוואָלט צו דיר זיך צוטוליען.

(סוף פעלט)

IV

[26.11.1941]

מיין טייערסטער זונעלע! דיין טייערן בריוו, וואָס דו האָסט געשריבן צו אונדז אַלעמען, האָבן מיר דערהאַלטן, פֿון וואָס מיר זענען זייער צופֿרידן. מיר זענען געזונט. די ליבנדי־קע מוטער.

— זיי געזונט, קושן

הערמאַן

לאָלוש, מיין ליבסטער! מיר האָבן דערהאַלטן דיין בריוו פֿונעם 11.11, אין וועלכן דו באַשרייבסט גענוי ווי אַזוי דו לעבסט. איך וואָלט פֿונדעסטוועגן געוואָלט, אַז פּרעדזשאַ זאָל דיר שיקן פּעטס, ווייל דאָס האָסטו געווים נישט. ווי גייט דיר מיט דער כירורגיע? צי ביסטו נישט זייער איינזאַם? קיין דאָקטוירים האָסטו נישט, דוכט זיך, אַרום זיך, ווייל דו דערמאָנסט בלויז וועגן פֿעלדשערס. אייגנטלעך, שרייבסטו שטענדיק, אַז אַלץ איז גוט, ווייל דו ווילסט אונדז נישט פֿאַר־שאַפֿן קיין זאָרג. מיר לעבן ווי עס איז, מיר זאָלן נאָר ווייטער זיך האַלטן. פֿרוי זעליגסאָן וועט דיר דעם גאַנצן קומענדיקן בריוו אָנשרייבן וועגן די מיידעלעך, כדי דו זאָלסט וויסן, וואָסערע טעכטער דו האָסט. די גאַנצע צייט האָבן מיר דיך אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס נעבן בעט און מיר פֿירן כסדר שמועסן מיט דיר; פֿלענער, תּפֿילות — אַלץ צו דיר! אַלע אונדזעריקע זענען געזונט און באַזוכן אונדז. לאָמיר זיין געזונט און קאָנען דאָס אַלץ איבערהאַלטן. איך בין זייער, זייער פֿאַרבענקט.

— איך קוש

דיינע

איך בין געזונט און אַרבעט, וויפֿל איך קען נאָר, הלוואי זאָלן מיר זיך בקרוב אַלע קאָנען זען.

די מאַמע

VII



V

7.1. [8.1.1942]

לאָלוש, מיין ליבסטער! איך מוז מודה זיין, אַז דיין בריוו פונעם 22 דעצעמבער האָט מיך אומעטיק געמאַכט. גלייכציייטיק בין איך צופרידן, וואָס האָסט אָנגעשריבן וועגן דעם, וואָס מאַטערט דיך אָפּט, וואָס איז, איבעריקנס, פאַרשטענדלעך. איך שטעל זיך פאָר, וויפל דו האָסט געמוזט איבערלעבן און ווי דו האָסט זיך געמאַטערט מיטן חשש (אפשר איז עס גאָרנישט אַזוי!) וועגן די שריט, וועלכע ווייזן זיך דיר טיילמאָל אויס פאַר נישט קיין ריכטיקע. מיין איינציקער, לאָלענקע ליבער, טראַכט אינגאַנצן נישט וועגן דעם. אַלץ אין דער וועלט איז רעלאַטיוו גוט און שלעכט, קלוג און נאַריש! איך האָב מער געלעגנהייטן צוצוקוקן זיך צום גורל פון מענטשן, צו זייערע מעשים, זייערע שריט און דעציזיעס. ווי שלעכט קומען אַרויס די מזלדיקע, ווי גוט — די נאַראָנים! אידעס שוואָגער, וואָס איז אַרויסגעפאָרן מיט 5 טעג פריער, איידער מען האָט פאַרהאַלטן אונדזערע פּאַספּאָרטן, מיט וועמען מיר האָבן גלייכצייטיק זיך באַמיט וועגן אַלץ — איז געשטאָרבן אין ברעטאָן. קרישעק האָט פאַרלוירן אַ פוס אין רעזולטאַט פון די מלחמה־אָפּעראַציעס. גאָלדלוסט איז געלעגן ביי זיגמונטן 6 חדשים א. אַ. וו. דאָס זענען די וואָס מען האָט אַמאָל געהאַלטן פאַר „מזלדיקע". און העניאָ פּיקעלני איז 3 מאָל געוואָרן אָפּערירט!

דו גופא שרייבסט כסדר וועגן מענטשלעכן פאַטאַליזם — דאָס איז זייער ריכטיק. איך פאַרשטיי, אַז דו האָסט מאָמענטן פון רעפלעקסיעס, אָבער פאַרדריי זיך נישט דערמיט דעם קאָפּ. איך בין גליקלעך, אַז איך האָב פון דיר בריוו, וועלכע דערמוטיקן מיך און גיבן מיר צו אַזויפיל כוח און גלויבן אין

לעבן. ווען איך וואָלט נאָר געווען זיכער, אַז דו פּאַרפּייניקסט זיך נישט און אַז עס מאַטערט דיך נישט צופיל די איינזאַמקייט! איך בעט דיך, ענטפער מיר, צי דו האָסט מיט וועמען צו שמועסן, צי אויסער דער אַרבעט קענסטו מיט וועמען ס'נישט איז זיך טרעפן, אָדער אפשר ביסטו אויך נאָך דער אַרבעט אָנגעוויזן בלויז אויף זיך אַליין? צי קומט דיר די אַרבעט אָן לייכט, אָן אומאָנגענעמלעכקייטן? ווי אַזוי שלאָפסטו? ווילנער קלאָגט זיך אויך שטאַרק אויף דער איינזאַמקייט. לאָלוש, דו האָסט אונדז, און דאָס מוז דיר צוגעבן כוח צום אינערלעכן קאַמף מיט די פאַרוואָרפן, רעפלעקסיעס — דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק. זיי נאָר געזונט און גלויב, אַז מיר וועלן זיין צוזאַמען און אַלץ וועט זיין גוט. ווייל די באָבע און די צוויי וווּנדערלעכע מיידעלעך וועלן דיר צושטעלן אַזויפיל פרייד, און זיי וואַרטן שוין אַזוי שטאַרק אויף דער מינוט! איך גלייב אין אַלעם גוטן — זיי נאָר דו שטאַרק און האָב בטחון. איך קוש דיך שטאַרק און צערטל דיך, מיין לאָלוש, ליבער און מיינערסטער —

ד י י נ ע

ליבסטער טאַטעלע אונדזערער! ביי אונדז איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג. זיי אונדז נאָר געזונט און רויק. דער עיקר נישט איבערנעמען זיך און זיין פריילעך. מיר צערטלען דיך און קושן.

נ ו ס י א און א י נ י א

VIII



IX

VI

[4.2.1942]

לאָלוש ליבסטער! ערשט איצט האָבן מיר באַקומען דיין בריוו פונעם 7.12 דורך רויטן קרייץ. איך נוץ אַלזאָ אויס דעם צוגאָב-בלאַנק און שרייב דיר עטלעכע ווערטער; די רעשט פונעם בויגן איז באַשטימט פאַר פרוי זעליגסאָן. ובכן, איך שרייב בלויז וועגן וועזנטלעכע זאַכן: אין די לעצטע טעג האָבן מיר דערהאַלטן **100 מאַרק און 50 מאַרק פון אָפּזענדער שטיינבערג.** צו וויגלען האָט מען אַרויסגעשיקט א בריוו מיט 10 טעג צוריק. מיר זענען געזונט און וואַרטן מיט בענקשאַפט אויף דיינע בריוו, וועלכע זענען לעצטנס טרויעריקע און א ביסל באַאומרויקנדיקע. ציי ביסטו באמת געזונט און אין דער פאָרם ווי פריער? ציי האָסטו נישט קיין אומאַנגענעמלעכקייטן? קעצעלע, האַלט זיך! מיר קושן דיך שטאַרק.

דיינע

חשובער הער דאָקטאָר! ענדלעך האָב אויך איך באַקומען א באַשטימטן „צעטייל" אויפן פאַפּיר, און איך וועל קאָנען רעדן מיט אייך וועגן צוויי פּערזאָנעלעך, מיט וועלכע מיר קומט אויס איצט אַזוי אָפט זיך צו טרעפן. — אַננאַ שיפּמאַן איז א וווקסיק, דרייצן-יאָריק מיידעלע, א געזונטע, א פרישע, מיט טונקעלע אויגן, וואָס קוקן אַזוי טשיקאַווע אָפּער פון אונטער דעם הויכן קלוגן שטערן. גיריק קוקט זי אַרום זיך, זי איז להוט נאָך איינדרוקן און עמאָציעס, זי האָט ליב דאָס לעבן, וואָס לאָקט זי מיט אַלע זיינע דערשיינונגען. זי וויל גאָרנישט נישט אַדורכלאָזן, זי איז אויף גאָרנישט נישט מוותר. זי מוז און זי קען פאַרנעמען א באַשטימט אָרט אפילו אין אָט דער קליינער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי

לעבט. זי שפּאַנט פּעסט און האָט שטאַרקע הענט, וועט זי טאַקע נישט דערלויבן, אַז מען זאָל אַרויסרייסן פון איר דאָס, וואָס זי דעראָבערט און וואָס וועט איר געהערן. זי וועט זיך נישט דערשרעקן פאַר אַ קאַמף, וועלכן זי האָט ליב, וואָס וועט איר געבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולאָדן. — אַן אויסערגעוויינלעך פעיקע און אַלזייטיק פעיקע. זי כאַפּט אַלץ אויפן ווונק און רופט אַרויס ביי די קאָלעגן באַווונדערונג און אַנערקענונג.

אירענאַ ש. — דאָס ייִנגערע שוועסטערל — איז אינגאַנצן אַן אַנדערע. אַ דעליקאַטע, שלאַנקע געשטאַלט. באַוועגט זיך שיין, לייכט. גרויסע גרינע אויגן, אַ מאָל טרויעריקע, אַ מאָל פאַרטרוימטע, אָבער שטענדיק פּרעכטיקע און פאַרשטענדיקע. זי איז טיף און אומגעוויינלעך אינטעליגענט. זי איז עמפּינדלעך, סובטעל. זי איז נישט אַזוי שנעל תופס ווי איר עלטערע שוועסטער, אָבער זי וויל וויסן, זי וויל פאַרשטיין. זי לערנט זיך פלייסיק, רעאַגירט אויף אַלץ שטילער, זי לעבט אָבער איבער מער אין זיך, און פיינער. איניאַ וועט אין איר סביבה תמיד געפינען מענטשן, וועלכע וועלן נישט דערלויבן זי באַעוולען. זי איז פול מיט צויבער און אויסערגעוויינלעכן חן. אַט דער גאַנצער דריילינג, ד. ה. צוזאַמען מיט זייער פאַרגעטערטער מוטערל, שאַפן אַ באַצויבערנדיקע גרופּע.

איך וואָלט נאָך אַ סך געקאָנט דערציילן וועגן מיינע מיידעלעך, אָבער דער „צוטייל” איז אַ צו קליינער. איך געזעגן דעריבער דעם טאַטעשי, וועמען מען קאָן מקנא זיין מיט אַזאַ רייכטום. גרוסן —

ל. ז.

X



VII

21.5 [26.5.1942]

לאָלעקל מיין איינציקער און ליבער! זונעלע, זיי נישט בייז אויף מיר, פאַרוואָס איך שרייב נישט אַזוי גענוי וועגן אַלעמען, ווי דו וואָלסט זיך דאָס געוווּנטשן — דאָס איז שווער; נישטאָ די רו, וואָס איז נייטיק פאַר גרויסע בריוו. איך וויל דיר היינט שרייבן בלויז וועגן דעם, אַז אונדז צו־זאַמען וואָלט געקאָנט אַזוי גוט זיין, אַז איך האָב דיך אַזוי ליב און דו ביסט מיר אַזוי טייער, נאָענט און ליב. און די קינדער מיט אונדז זיי וואָלטן אונדז פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד! לאָלוש, אונדזערע מיידעלעך זענען אַזעלכע זיסע. נוסיאַ איז זייער אַ שיינע און אַן אינטערעסאַנטע, פיל־צו־זאָגנדיקע. נעכטן האָט זי איבערגעלייענט אירע אַרבעטן פאַר 6 חברטעס און חברים. זי האָט זיך אויסגעטיילט פון צווישן זיי און איך בין געווען פון איר אַזוי שטאָלץ, ווי פון דיר. און אינטשאַ איז די חנעוודיקייט אַליין, און אַזאַ חכמת! גאָט! וואָס פאַראַ גליק וואָלט דאָס געווען, ווען מיר וואָלטן זיך געזען געזונטע און גאַנצע!

לאָלוש, צי שיקט דיר טשלענאָוו פעקלעך? היט זיך! איך גאַר דיין נאָענטקייט און דיך, איך טוליע זיך צו דיר, ליבער!

דיינע

ליבער לאָלעק! מיר זענען אַלע געזונט און פרייען זיך, דאָס זעלבע פון דיר צו הערן. מיר ווּנטשן דיר געזונט און אָנגענעמע יום־טובים.

די מאַמע

טייערער זונעלע! דיין ליבן בריוו פון 20 אַפּריל, האָבן מיר דערהאַלטן, און מיר האָבן זיך דערפרייט, וואָס דו ביסט, גאָט צו דאַנקען, געזונט — דאָס איז פאַר אונדז אַ נחמה. מיר זענען אַלע געזונט. איך בין איצט ביי ראַיען. הערמאַן איז אַרויסגעגאַנגען און איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן די פּאָסט.

איך קוש

VIII

28.6.42 [1.7.1942]

מיין טייערער און ליבער! איך האָב דערהאַלטן דעם בריוו פונעם 15.6 און איך איַיל זיך צו ענטפערן. איך פריי זיך זייער, וואָס איך קאָן דורך דעם וועג אַדורכשמועסן זיך מיט אייך. זאָל טאַקע גאָט געבן, מיר זאָלן קאָנען אינגיכן פּערזענלעך און ביי אַ גוט געזונט זיך זען. איך בין צופרידן, וואָס הערמאַן זעט גוט אויפן אָפּערירטן אויג און מען וועט נישט דאַרפן מאַכן קיין אויסבעסערונגען. ווען ער וועט זיך פילן בעסער, וועט מען דאַרפן זיך פאַרנעמען אויך מיטן צווייטן אויג. ער איז איצט זייער צופרידן, ער איז געוועזן אין דר. סאָלאָווייטשיקס אַנשטאַלט, וועלכן מיר פירן איצט. דערפאַר האָט ער געהאַט גוטע באַדינגונגען. מיר ווענדן אָן ציבאַזאַל. פון דר. טשלענאָוו דאַרפן מיר מילך, קאָנדענ־סירטע אָדער אין פּראָשעק, קאַקאָאָ, פאָספאָר־פּרעפּאַראַטן. זאָל ער מאַכן אָנשטרענגונגען, כדי אונדז דערמיט צו באַזאָרגן. מיר זענען דאָך אין נויט. עס איז גוט, וואָס איר געפינט אַ באַפרידיקונג אין אייער מעדיצינישער אַרבעט. און ווייל איר זענט אַ פעיקער און איבערגעגעבענער דאָקטאָר, איז דאָס פון גרויסן נוצן פאַר אייערע פּאַציענטן. ראַיאַ און די

XI



קינדער פילן זיך איצט גוט און האָבן אייך שטאַרק ליב. די פריילינס זענען אויסגעוואַקסן. אפשר וועט מען קאָנען פאָרן צו נאַטשען און אָפּטרעטן ביים דר. טשלענאָוו. זאָל ער זיך אָנשטרענגען אונדז צו העלפן. 10 חדשים האָב איך נישט געזען נאַרבושן און איך בענק זייער נאָך אים, אָבער ביי דער שוועסטער איז אים בעסער.

איך קוש אייך

יאקוב

IX

וואַרשע, 7.42. [21] 20

טאַטעשי מיינער, איינציקער, טייערסטער! דיין בריוו מיט די ווונטשן פאַר מיר האָט מען מיר איבערגעגעבן אין געבוירנטאָג. דאָס איז געווען די פּרעכטיקסטע און צום מיינסטן באַגערטע מתנה. וואָס פאַרא גליק דאָס איז, צו האָבן אַזאַ פאָטער ווי דו, צו וויסן, אַז שטענדיק טראַכט ער וועגן מיר, אַז שטענדיק, אַפילו פון דער ווייטנס, קאָן ער מיך אונטערהאַלטן מיט אַ וואַרעם וואָרט, מיט אַ קלוגער און גוטער פאָטערלעכער עצה.

לאָלוש, דו שרייבסט אַזוי שיין און פּרעכטיק. דיינע בריוו אָטעמען מיט מענטשלעכן געדאַנק און שכל און מיט דער גרעסטער ליבשאַפט, מיטן טיפן געפיל פון אַ ליבנדיקן מאַן און פאָטער. —

דער געבוירנטאָג מיינער איז אַדורך אויסערגעוויינלעך אָנגענעם. איך האָב געפילט, אַז איך האָב אַרום זיך אַ סך האַרציקע און גוטווינטשנדיקע מענטשן. די חברטעס האָב איך איינגעלאַדן צו זיך נאָך זונטיק, דעם 12־טן ה. ח. עס

איז געווען זייער פריילעך און מיר האָבן זיך אויסערגעווייג־לעך פאַרווײַלט. איך האָב באַקומען אַ סך בראַשקעלעך, קרעלן און אַנדערע קליינע, אָבער אָנגענעמע שמאַנצעסן. דינסטיק האָב איך זיך אויפגעוועקט ביים טראַדיציאָנעלן געבוירנטאָג־טישל. דיין בריוו און פאָטאָגראַפיע צווישן שיינע קאָרן־בלומען פון רא און אינטשן. דאָס זייגערל פון רא, וואָס זי האָט אַמאָל באַקומען פון פעטער העניאָ, סקאַרפעטן פון אונדזער באַלעבאָסטע. יום־טובדיק אָנגעטאָן זענען מיר מיט ראַיקען אַרוים אויף שפּאַציר. דער מיטאָג איז, פאַר־שטייט זיך, געווען אַ פייערלעכער, ווי אויף אַ געבוירנטאָג. בעת דעם מיטאָג האָבן אונדז באַזוכט די בופעט־שותפטעס מיט ליבע ברכות און מתנות. איך האָב באַקומען פון איינעם — פרעדעקס אַ קאָלעגע — אַ בינט ראָזע אַרבעס־בלימעלעך, און פון באַקאַנטע — נעגעלעך. סעוועק האָט אונדז געבראַכט קיכלעך. נאָך מיטאָג האָב איך שפּאַצירט מיט חברטעס און חברים. זינט דער מלחמה האָב איך נישט געהאַט אַזאַ אָנגע־נעמען געבוירנטאָג. בלויז דו האָסט מיר געפעלט. איך טוליע זיך צו מיין לאָלטשען —

נ ו

פּ. ס. איך האָב נישט באַלד געענטפערט, ווייל איך האָב זיך געגרייט צום עקזאַמען. ווי אַזוי ער איז אַדורך — וועל איך אָנשרייבן אין קומענדיקן בריוו.

X

4.8. [7.8.1942]

לאָלוש, מיין ליבער, איינאונאיינציקסטער!

איך שרייב דיר דורך אַ ספּעציעלער געלעגנהייט, און דאָס מאָל — זייער קורץ. מיר זענען געזונט און האָפנונגס־פול. אויב דו וועסט אַ לענגערע צייט נישט האָבן פון אונדז קיין ידיעות — זאָלסטו זיך נישט באַאומרויקן, ווייל דאָס קאָרעספּאָנדירן איז באַשווערט. איך וועל, נאַטירלעך, זיך באַמיען, דיר עפּעס איבערצושיקן. דו, קעצעלע, שרייב צו אונדז. מעגלעך, אַז מיר וועלן דערהאַלטן דיין בריוו. ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועל איך שרייבן גענויער.

איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק

דיינע

איך טוליע זיך צו דיר, מיין זיסער טאַטעלע

נוסיא

ליבער טאַטעשי, איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק

דיין אינטשאַלעק

פּ. ס. האַרציקע גרוסן און ווונטשן.

XI

15 [17] .10.42

לאָלושעק! טאַטעשי אונדזוערער טייערסטער! עטלעכע טעג שוין ליגן דיינע בריוו, און אונדז איז שווער צו ענטפערן. שוין די זעקסטע וואָך זינט די מאַמעשי איז פון אונדז אַוועקגעפאָרן, געזונט גייסטיק און קערפּערלעך און אַ שטאַרקע. איר אַדרעס קענען מיר נישט, ווייל די פּאָסט פונקציאָנירט ביי אונדז זייער שלעכט. דיר וועט אפשר זיין לייכטער אָפּצוגעפינען דורך דר. טשלענאָוו און דעם רויטן קרייץ. אַ וואָך פאַר ראיקען איז אַרויסגעפאָרן פרוי אַנדזשע. אַ סך פריער די באָבע מיט הערמאַנען. אָט דער גורל האָט געטראָפן כמעט אַלע אונדזערע באַקאַנטע און נאָענטע. מיר זענען דאָ מיט דער באָבע שרה, וועלכע טוט אַלץ, כדי צו פאַרלייכטערן אונדז דאָס לעבן. אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן מיר. איך ענדיק אויס מונדירן, אַלס אַ געהילף-שניידערין. אינולקאַ אַרבעט אין קיך. מיר פאַרדינען אויף אונדזער אויסהאַלט און מיר גיבן זיך גאַנץ גוט אַן עצה. די מאַמעשי האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ העלפט פונעם געלט, וואָס האָט באַטראָפן אַ גענוג אַנזעעוודיקע סומע. אויפן נייעם וווינונגס-אָרט וועט דאָס געלט איר גוט צונוץ קומען ביים איינאָרדענען זיך. סעוווציאָ קומט צו אונדז כמעט יעדן טאָג, און אָפט נעכטיקט ער אַפילו ביי אונדז. ער ברענגט אונדז פאַרשידענע געשמאַקע זאַכן, ווי פּוטער, קעז, אייער, וווּרשט און אַפילו עפּל און צוקערלעך. פון פלאָרען באַקומען מיר אויך אויסגעצייכנטע פּעקלעך. מיר זענען געזונט און שטאַרק, מיטן געדאַנק און מיטן האַרץ ביי אונדזערע טייערסטע עלטערן, מיט וועלכע גאָט האָט אונדז — אַזוי גלויבן מיר — שוין נישט אויף לאַנג צעשיידט.

XII

לאָלושעק, זײַ אונדז געזונט, שטאַרק און האַלט זיך פעסט אַזױװי דײַנע מײדעלעך. איך קוש דיך און צערטל מײַן לאָלטשען —

נו

איך קוש — די מאַמע
איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק —

די בענקנדיקע אינייאַ

XII

28.10 [4.11] 42.

טאַטעשי מײַנער, דו ליבער! איך שרײַב צו דיר נאָך אַ געװוג לאַנגן איבעררײַס. ס׳איז מיר אַזױ שװער צו שרײַבן. פון די פריערדיקע בריװ װײסטו שױן מסתמא װעגן ראַיענקעס אַרױספאָר. עס איז אַזױ אומעטיק אָן איר און עס בענקט זיך, אָבער טראָץ דעם האַלטן מיר זיך גוט. מיר זענען שטאַרק און פול מיט אױסדױער-קראַפט, װײַל מיר גלױבן טיף, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון אונדזער באַגעגעניש. איך באַמי זיך, אַז דאָס לעבן זאָל גײן נאָרמאַל, אַז אַלץ זאָל זײַן װי דעמאָלט, װען די מאַמעשי איז געװען, און אַזױ װי זי האָט עס ליב געהאַט. איך אַרבעט אַ סך. 9 ביז 10 שעה טעגלעך. די אַרבעט גײט מיר אָן גרעסערע שװעריקײטן, דערפאַר ענדיק איך אױס די געפאָדערטע צאָל בלוזעס אָדער הױזן. איך בין, גאָט צו דאַנקען, געזונט און שטאַרק און האָב אַ גרױסן רעזערװ פון ענערגיע, אַ דאַנק װאָס איך בין אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן זיך דאָס לעבן. אין שאָפ האָבן מיך אַלע ליב. די אױפזעער פּאַװאָריזירן מיך אַפילו אַ ביסל, װי

איינע פון די יינגסטע אַרבעטאָרינס. אינדעראמתן, אַממיינ־סטן העלפסטו אונדז אומעטום, ווייל יעדער קען דיך, שעצט און שאַנעוועט דיך און וויל צוהעלפן דיינע טעכטער. אַזוי איז איניאַ אָנגענומען געוואָרן אין קיך און איך האָב באַקומען אַ לייכטערע אַרבעט אין שאַפּ.

איך בין שטאָלץ מיט דיר, טאַטינקע, איך בין שטאָלץ מיט מיין מאַמעלען, וואָס האָט באַוויזן אונדז אַזוי צו דערציען, אַז מיר קאָנען זיך צופּאַסן און אַן עצה געבן אין יעדער סיטואַציע, אַפילו אין אַזאַ שווערער און קאָמפּליצירטער ווי די איצטיקע.

לאָלושעק, זיי אונדז געזונט, שטאַרק און אויסהאַלטעוו־דיק. געדענק, אַז מיטן געדאַנק און מיטן האַרץ זענען מיר ביי דיר און אַז אונדז וועט נאָך זיין צוזאַמען גוט און פריילעך.

דערווייל טוליע איך זיך צו מיין טאַטעשי —

די בענקנדיקע נו

איך קוש — די מאַמע

XIII

4.[6] 11.42

טאַטעשי מיינער, איינציקער — ליבסטער!

עס דערנענטערט זיך דיין געבוירנטאָג, אונדזער לעצטער האַרבסטיקער משפחה־יום־טוב. איך וואָלט וועלן, אַז דער־אַ בריוו זאָל קומען צו דער צייט און ברענגען דיר די האַר־ציקסטע ווּנטשן פון דיינע מיידעלעך; ער זאָל דיר צוגעבן כוחות און ענערגיע, און דיך אונטערהאַלטן אין אָט דעם שווערן מאָמענט פון אונדזער לעבן. דאָס וויכטיקסטע: דו



זאָלסט זיין געזונט, נישט פאַרלירן דעם מוט און גלויבן, ווי מיר, אין אַ בעסערן מאָרגן. קודם כל, דו מוזסט זיין שטאַרק, דו, אונדזער בעסטער און ליבסטער באַשיצער. אַ סך כוח גיט אונדז צו די זיכערקייט, אַז מיר האָבן דיך, אַז מיט דיין פאָטערלעכער האַנט וועסטו אונדז העלפן און שטיצן אין יעדן מאָמענט פון אונדזער לעבן. טאַטעשי, מער ווי ווען עס איז טראַכט איך איצט וועגן מיינע עלטערן, כ׳פאַרשטיי די קראַפט פון אייער ליבע, און איך זע, וואָסערע מענטשן, אין פולן זין פון אָט דעם וואָרט, איר זענט געווען. צום בעסטן שאַץ איך עס אָפּ איצט, ווען דאָס לעבן האָט מיך געצוווּנגען, אַליין צו דעצידירן וועגן זיך און איניאַ. איך זע, אַז בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס כ׳בין דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ געזונטער היים, באַווייז איך איינצוהאַלטן די גייסטיקע גלייכ־געוויכט און ווי עס איז זיך אַן עצה צו געבן. זייענדיק ווייט פון אייךביידן, האָב איך מיט יעדן טאָג מער ליב מיינע עלטערן, ווייל מיט יעדן טאָג פאַרשטיי איך זיי און דערקען זיי בעסער, און „גרויסע ליבע איז די טאָכטער פון גרויסן דערקענען". לאָלושעק, פייער דיין געבוירנטאָג אַזוי פייער־לעך ווי מיר וועלן אים פייערן. לאָמיר טראַכטן וועגן דעם, ווי גוט אונדז איז געווען, ווען מיר האָבן אים צוזאַמען פאַר־בראַכט, און ווי גליקלעך מיר וועלן זיין, ווען מיר וועלן ווידער צוזאַמען פייערן דעם טאָג. איך גלייב דערין באמת.

איך צערטל און קוש דיך, טאַטעשי —

ד י י ן נ ו

איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק, אַ מוטיקע און האָפ־נונגספולע,

א י נ י א

XIV

[16.11.42]

טאַטינקע מיינער, טייערסטער! ס׳איז שוין שפּעט, איך בין זייער שלעפעריק, אָבער איך מוז נאָך צו דיר אָנשרייבן עטלעכע ווערטער. דיינע בריוו דערהאַלטן מיר כסדר. מיר האָבן שוין געשריבן צו דיר עטלעכע מאָל, אָבער קיין ענט־פער האָבן מיר נאָך נישט. היינט האָבן מיר דערהאַלטן פון דיר 200 זלאָטעס, זיי וועלן אונדז זייער צונוץ קומען. היינט האָבן מיר געהאַט אַ זיסן טאָג. מיר האָבן באַקומען צוגע־טיילט מאַרמאַלאַד און צוקערלעך.

לאָלוש! עס דערנענטערט זיך דיין געבוירנטאָג. שוין צום פערטן מאָל וועלן מיר אים פייערן באַזונדער, אָבער פול מיט האָפענונג און גלויבן, אַז אין קומענדיקן יאָר וועט גאָט געבן, אַז מיר זאָלן זיין אַלע צוזאַמען. טאַטעלע אונדזער איינציקער, דו מוזסט זיין שטאַרק און אויסהאַלטעוודיק, און גלייבן, ווי מיר, דיינע טעכטער, אַז די מינוט פון אונדזער טרעפן זיך דערנענטערט זיך און מיר וועלן נאָך אַלע צוזאַמען זיין גליקלעך.

די אויגן קלעפּן מיר זיך. איך קאָן מער נישט שרייבן. אַ גוטע נאַכט, לאָלושעק! זאָרג זיך נישט, איך דריק דיך, צערטל און קוש — אַ שטאַרקע, פול מיט גלויבן, מיטן האַרץ און מיט דער נשמה ביי דיר —

א י נ י א

ליבער לאָלעק! מיר זענען אַלע געזונט און דערוואַרטן מיט אומגעדולד דיין ענטפער. אַ גרויסן דאַנק פאַר די גרוסן פון סטערען. פון אַלע איבעריקע ווייס איך גאָרנישט. זיי דו געזונט און שטאַרק און אין גוטער האָפענונג —

דיין דיך ליבנדיקע מאַמע
איך קוש דיך — נ ו ס י א

XV

4. [6] 2.43

טאַטעשי! דו ביסט זיכער זייער אומרויִק וועגן אונדז. דעם לעצטן בריוו האָבן מיר דאָך אַרויסגעשיקט נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק. די פּאָסט פונקציאָנירט ביי אונדז זייער שלעכט, דערפאַר באַקומען מיר פון דיר אינגאַנצן נישט קיין בריוו. (במשך פון אַ געווויסער צייט איז אינגאַנצן נישט געווען קיין פּאָסט). אַ גליק נאָך, וואָס איך האָב געהאַט אין רעזערוו דריי בלאַנקן. אויב עס וועט ווייטער זיין אַזוי שלעכט מיט דער קאָרעספּאָנדענץ, וועל איך דעם קומענדיקן בריוו ווידער אַרויסשיקן אין אַ 2 וואָכן אַרום. דאָ נישט לאַנג האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער צימער. ער איז גרעסער און אָנגענעמער פון פריערדיקן. ביי אונדז איז וואַרעם און אָנגענעם. מיין אַרבעט איז אַ לייכטע און נישט פאַרמאַטערנדיקע. איניאַ פאַרנעמט זיך מיט אַ קליין מיידעלע, שפּילט זיך און שפּאַצירט מיט איר. די באָבעשי צערעוועט און קאָכט פאַר אונדז. אויף ווינטער זענען מיר צוגעגרייט זייער גוט. מיר האָבן צו 3 פולאָווערס, וואָלענע זאָקן, סקאַרפּעטן, גוטע שיך, צו צוויי קליידער און רעק. מיר דערנערן זיך גוט. היגיענישע באַדינגונגען האָבן מיר אויסגעצייכנטע (אַ באָדצימער).

וואָס הערט זיך ביי דיר, לאָלושעק? ווי אַרבעט זיך דיר, ווי אַזוי באַציט מען זיך צו דיר? צי וווינסטו ווייטער מיט חבר גלאַסמאַן? שרייב, טאַטעשי, וועגן אַלעם. איך וואָלט אַזוי געגוי געוואָלט וויסן וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דיר. איך טוליע זיך צו דיר, טאַטעשי ליבסטער —

די בענקנדיקע נו איניאַ

גרוסן פון דער בריוו איז געווען ביי אונדז

[קובא ראָזענבלום]

XVI

ווארשע, דעם 16־טן פעברואַר 1943.

ליבער ה׳ לאַלעק!

אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג נישט געענט־פערט — דערפאַר ווייל איך האָב זייער ווייניק צייט, און דערפאַר, ווייל איך האָב געוואָלט פאַרן אָנשרייבן דעם ענט־פער פאַרשטענדיקן זיך מיט נוסיען און איניען. איך האָב געשריבן צו זיי עטלעכע מאָל און האָב זיך דערוווּסט, אַז זיי אַרבעטן, גיבן זיך אַן עצה און אויך, אַז זיי זענען אונטער דער אויפזיכט פון דר. ראָזענבלום. פונדעסטוועגן האָב איך פון זיי קיין שריפטלעכע ידיעה נישט באַקומען. דעריבער בעט איך, אַז איר זאָלט מיר שרייבן, וואָס עס הערט זיך בײַ זיי. בײַ דר. ראָזענבלום בין איך געווען בערך מיט אַ חודש צוריק און איך האָב בדעה נאָך אַ מאָל צו גיין צו אים סוף היינטיקע וואָך. וועגן ראיען און אַנדזשען ווייסן מיר אַבסאָ־לוט גאָרנישט. איך געדענק נישט, צי איך האָב אייך געשריבן וועגן דעם, אַז דורכן רויטן קרייץ האָב איך באַקומען פון לושען אַן ענטפער אויף אונדזער בריוו. בײַ איר איז, נאַטיר־לעך, אַלץ אין אָרדענונג. דער בריוו איז געשריבן אין אָנ־הייב יוני. איך וואַרט אויפן קומענדיקן בריוו.

— האַרציקע גרוסן

סעוו

פּ. ס. די קאַרטע האָב איך דערהאַלטן מיט 8 טעג צוריק.

פּאָניאַטאָוואַ

2.4.1943 — 21.6.1943

XVII

[וואַרשע, 16.4.1943] 2.4.

טאַטעשי ליבסטער!

נאָך אַ לענגערן איבעררייס קאָן איך דיר שרייבן עט־לעכע ווערטער. (נוסיאַ שרייבט נישט, ווייל זי נייט). מיר זענען שוין אַ וואָך אין פּאָניאַטאָוואָ. די באָבע איז געבליבן אין וואַרשע אין שפּיטאָל. די געגנט איז דאָ אַ שיינע און די לופט אַ וווּנדערלעכע. דערווייל וווינען מיר אין אַ באַראַק, אָבער היינט דאַרפן מיר באַקומען אַ דורכלאָז־שיין אין דער קאָלאָניע. איך מוז שוין ענדיקן. איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק —

אינאַ

קושן — דיין נוסיאַ

XVIII

פּאָניאַטאָוואָ, [פּולאַווי, 24.4.43] 14.4.43

טאַטעשי ליבסטער אונדזערער! דו ביסט זיכער באַ־אומרויִקט צוליבן פעלן פון ידיעות פון אונדז. מיט דער קאָ־רעספּאָנדענץ איז דאָ טאַקע אַ ביסל שווער, אָבער אויך דאָס וועט אײַנגיכן זיך נאָרמאַליזירן.

לאָלוש, דו קאָנסט מיר גלויבן, אַז אונדז איז זייער גוט. מיר וווינען נישט אין לאַגער, נאָר אויף אַ קאָלאָניע אין אַ פּרעכטיקן, זוניקן צימער מיט אַ קיך, מיט נאָך צוויי פרויען.

איניאַ איז אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער. זי האָט זיך דאָ פּאָפּראַוועט. איך אַרבעט. מיר דערנערן זיך בעסער ווי אין וואַרשע. אייערנעכטן האָב איך דערהאַלטן אַ פּעקל פון סטערען. אויב זי קאָן — זאָל זי שיקן.

איך טוליע זיך צו דיר —

נ׳ ו׳.

שרייב אָן צו דער פרוי סטעפּאַניא!!! לאָ!!! אומבאַדינגט!!!

XIX

פּאָניאַטאָוואַ, [אָפּאָלע, 4.6.1943] 10.5

טאַטעשי ליבסטער! אייערנעכטן האָב איך דערהאַלטן פון דיר צוויי קאַרטלעך צום ערשטן מאָל זייט 7 וואָכן. מיר האָבן עטלעכע מאָל געשריבן צו דיר אין דער צייט פון אָט דעם איבעררייס, אָבער דער רעזערוו פון די בלאַנקעטן האָט זיך גיך אויסגעשעפּט. מיר זענען געזונט, אָפּגעברענט, אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. מיר וווינען מיט פרוי סטעפּאַניאַ אין אַ שיינעם צימער מיט אַ קיך און אוביקאַציע. די הייזלעך אונדזערע (מאָדערנע, געמויערטע) זענען פונאַנדערגעוואָרפן אין וואַלד, איבער אַ צענדליק מעטער איינס פון צווייטן. צו עסן האָבן מיר גענוג. שרייב לאָלוש, גענוי וועגן זיך, מיר זאָלן אַלץ וועגן דיר וויסן. איך טוליע זיך צו דיר, צערטל און קוש דיך.

נ ו

XIV

Hier abtrennen! Tu oddzielić!

Kriegsgefangenenpost (Gebührenfrei!)

Antwort-Postkarte

Geprüft
51
Stalag V C

An den Kriegsgefangenen Herrn Daniel
A. Szyfman

LUBLIN 1
22.6.43.-11
e

Absender:
Nadawca:
Vor- und Zuname:
Imię i nazwisko: Anna Szyfman
Ort: Poniatowa bei Opole
Miejscowość:
Straße: Werke Poniatowa
Ulica:
Kreis: LUBLIN
Powiat:

Gefangenennummer: 778

Lager-Bezeichnung:
M.-Stammlager VI C

Deutschland (Allemagne)



Diese Seite ist für die Angehörigen des Kriegsgefangenen bestimmt. Deutlich auf die Zeilen schreiben!

Ta strona jest przeznaczona dla krewnych jeńca wojennego. Pisać tylko ołówkiem, wyraźnie i nad liniami!

XVI

Diese Seite ist für die Angehörigen des Kriegsgefangenen bestimmt.

Ta strona jest przeznaczona dla krewnych jeńca wojennego.

Deutlich auf die Zeilen schreiben!
Pisać tylko ołówkiem, wyraźnie i nad liniami!

Tatusiu najukochańszy! Wczoraj otrzymałyśmy
od Ciebie kartę. A kilka dni temu list. Nie pisałam
jeszcze stąd do Ciebie gdyż nie miałyśmy blankie-
tów (dużo pisać wogóle nie wolno). Mieszkamy tu
razem z P. Stefanią w pokoju. Warunki ma-
my bardzo dobre. P. Stefania jest dla nas nad-
zwyczajnie dobra i kochana. Bardzo byśmy
chciały żebyś napisał do Niej kilka słów. My
jesteśmy zdrowe, pracujemy i jest nam tu
naprawdę ~~[illegible]~~ zupełnie dobrze. Okolica jest śliczna,
lasy, pola i łąki. Jesteśmy dobrej myśli, peł-
ne nadziei. Trzymaj się Kotusiu i wierz że
jeszcze będziemy wszyscy razem w całym na-
szym komplecie. Całuję Cię mocno mocno stęskno-
na Ynia. Tatusieńku najukochańszy! Dziś znów otrzy-
małam list od Ciebie. Z korespondencją jest tu nieco trudno
niech Cię więc nie niepokoją częste przerwy w wiadomościach

XVII

od nas. Nam jest tutaj znacznie lepiej niż w Warszawie.
Warunki mieszkaniowe świetne. Odżywiamy się b. dobrze
Tolusiu uwierz nam, że jesteśmy silne i dobrej myśli. Humor
i zdrowie dopisują. Tatusiu niczego nie zmyśliłam na praw
dę, poto żeby Cię uspokoić nie napiszę. Całe życie przed nami
mamy dość energii żeby walczyć i zdrowia żeby się nim
cieszyć. - Chcę otrzymywać od Ciebie nie smutne listy pełne
niepokoju, ale silne i pogodne. Jakby nie było zbudujemy
my sobie nasze życie. Czekam na list

Twoja Ma,

XX

[אָפּאָלע, 4.6.1943]

טאַטעשי ליבסטער! נעכטן האָבן מיר דערהאַלטן פֿון דיר דאָס קאַרטל, און מיט עטלעכע טעג צוריק — אַ בריוו. איך האָב נאָך פֿון דאַנען צו דיר נישט געשריבן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין בלאַנקעטן (אַ סך שרייבן איז בכלל נישט דערלויבט). מיר וווינען דאָ צוזאַמען מיט פֿרוי סטעפאַניאַ אין אַ צימער. באַדינגונגען האָבן מיר זייער גוטע. פֿרוי סטעפֿאַניאַ איז פֿאַר אונדז אויסערגעוויינלעך גוט און ליב. מיר וואָלטן זייער געוואָלט, דו זאָלסט איר אָנשרייבן עטלעכע ווערטער. מיר זענען געזונט, מיר אַרבעטן און אונדז איז דאָ באמת גאַנץ גוט. די געגנט איז אַ פּרעכטיקע: וועלדער, פֿעלדער און לאָנקעס. מיר זענען גוט געשטימט און פֿול מיט האָפֿענונג. האַלט זיך, טאַטעשי, און גלויב, אַז מיר וועלן נאָך אַלע זיין צוזאַמען, אין פֿולן קאָמפּלעט. איך קוש דיך שטאַרק, שטאַרק —

די בענקנדיקע איניאַ

טאַטעלע ליבסטער! היינט האָב איך ווידער באַקומען אַ בריוו פֿון דיר. מיט דער קאָרעספּאָנדענץ איז דאָ אַ ביסל שווערער. זאָלן דיך דערפֿאַר נישט באַאומרויקן די אָפּטע איבעררייסן אין די ידיעות פֿון אונדז. אונדז איז דאָ באַדייטנד בעסער ווי אין וואַרשע. די וווינונגס-באַדינגונגען זענען אויסגעצייכנטע. מיר דערנערן זיך זייער גוט. טאַטעשי, גלייב אונדז, אַז מיר זענען שטאַרק און גוט געשטימט! דער הומאָר און דאָס געזונט פֿאַרלאָזן אונדז נישט. טאַטעשי איך טראַכט גאָרנישט אויס; קיין ליגנס, בלויז כדי דיך צו באַרויקן, וועל איך נישט שרייבן. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך נאָך פֿאַר זיך.

איך האָב געגוג ענערגיע כדי צו קעמפן, און געזונט — כדי זיך דערמיט צו פרייען. איך וויל דערהאַלטן פון דיר נישט קיין אומעטיקע בריוו, פולע מיט אומרו, נאָר שטאַרקע און לוסטיקע. וואָס ס'זאָל נישט זיין, וועלן מיר אַליין אויפבויען אונדזער לעבן. איך וואַרט אויף אַ בריוו.

דיין נ ו

XXI

[לובלין, 22.6.43] 10.6.43

טאַטעלע ליבסטער! ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק האָב איך דערהאַלטן אַ קאַרטל פון דיר. איך וווּנדער זיך, וואָס דו דערהאַלטסט נישט קיין ידיעות פון אונדז. מיר שרייבן רעגולער יעדע וואָך. מיר זענען געזונט און ס'איז אונדז זייער גוט. מיר וווינען צוזאַמען מיט פרוי סטעפּאַניאַ. מיר זענען אַ סך אויף דער פרישער לופט. שרייב, וואָס עס הערט זיך ביי דיר, ווי דיר לעבט זיך, וואָסערע אַרבעטס־באַדינגונגען האָסטו. זיי וועגן אונדז, טאַטעשי, אַבסאָלוט רויק. איך טוליע זיך צו דיר — נ ו. איך קוש דיך שטאַרק —

אינ יא

XXII

[לובלין, 22.6..43]

טאַטעשי ליבסטער! נעכטן האָבן מיר פון דיר דערהאַלטן אַ קאַרטל מיט ווונטשן צו מיין געבוירנטאָג. אורטיילנדיק לויט דיינע בריוו, באַקומסטו נישט פון אונדז קיין

ידיעות און ביסט כסדר אומרויק וועגן אונדז. אַזויפיל מאָל האָבן מיר דיר שוין געשריבן, אַז מיר ווינען מיט פרוי סטע־פאַניאַ און אַז אונדז איז דאָ באמת לחלוטין גוט. איך מוז שוין ענדיקן, טאַטעשי, דענערוויר זיך נישט צוליב אונדז און גלייב אונדז, אַז אונדז איז דאָ גוט —

אינאַ

XXIII

[אָפּאָלע, 24.6.43] 21.6.43

טאַטעשי ליבסטער אונדזערער! מיר זענען געזונט און אין אַ גוטער שטימונג. מיר דערנערן זיך זייער גוט. צו דער אַרבעט אין שאָפּ האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט, אַזוי אַז דאָס מאַטערט אונדז נישט שטאַרק. און נאָכן קומען צוריק אַהיים, האָבן מיר נאָך כוח אויסצונוצן די פרייע צייט. יעדע פון אונדז שטיפט מיט אירע חברטעס. איך לייען אויך. דו האָסט נישט קיין סיבה צו באַאומרויקן זיך וועגן אונדז. איך זע אוים בעסער ווי פאַר דער מלחמה. אינאַ — נישט ערגער. אַפּעטיט האָבן מיר פאַר 4 און צו עסן איז דאָ וואָס. אַלערליי פּעקלעך שיק אויף קרויצשטר. [אַסע]. זיי נאָר געזונט און שטאַרק אין גייסט. דיין אַלטע נ. ג.

איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט געשריבן צו פרוי סטע־פאַניאַ, עס קומט איר.

הערות צו די בריוו:

I

דאָס ליד איז געשריבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל, (זע פאָטאָקאָפּיע) געשיקט קיין רומעניע אין קריגסגעפאַנגענען לאַגער Targovista, Durch Deutschland.

טעלעגראַם. דר. שיפּמאַן האָט זיך, — זייענדיק אין רומעניע — באַמיט דורך זיינע באַקאַנטע אין ענגלאַנד צו באַקומען פאַר דער משפחה אַ וויזע קיין איטאַליע, כדי פון דאָרטן צו קאָנען אַריבערפאָרן קיין פראַנקרייך. ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט — אַפילו אַ באַן־בילעט פון איטאַליע קיין פּאַריז — אַ דאַנק דער טאָכטער פון דר. שיפּמאַנס אַ פּאַציענט אין לאָדזש, דער פרוי פון אַ פראַנצויזישן דיפּלאָמאַט, דיפּאַרט, איז אָנגעקומען פון וואַרשע אַ ידיעה, אַז דאָס רייזע־ביוראָ „אָרביס" איז פאַרמאַכט געוואָרן און אַז דער אַרויספאָר פון וואַרשע איז נישט מעגלעך. דערויף האָט דר. שיפּמאַן געענטפערט מיט אַ טעלעגראַם, אַז דאָס איז, מן הסתם אַ באַשערטע זאַך און עס וועט אַזוי אויך גוט זיין. דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשע אָפענזיווע אין מערב. איטאַליע איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה, צוליב דעם האָט זיך טאַקע אַ שטיקל צייט געדאַכט אַז בלייבן אויפן אָרט אין וואַרשע איז ראַציאָנעלער.

II

ר אַ י אַ — די פרוי פון דר. שיפּמאַן.

מ ו ט ע ר — ר אַ ז אַ ל י אַ שיפּמאַן, די מוטער פון דר. שיפּמאַן.

ה ע ר מ אַ ן — אַקסנער — דער ברודער פון דער מוטער, אַנטלאָפן פון זשיראַרדאָוו קיין וואַרשע און דאָרט אומגעקומען.

מ אַ ק ס — פּיקיעלני פון לאָדזש, — אַ ברודער פון דער פרוי.

דער יאָרטאָג פון דער חתונה איז אויסגעפאַלן דעם 10.10

געבוירנטאָג פון דער מוטער — 14.10

די באָבע, — די מוטער פון ר אַ י אַ — ש ר ה פּיקיעלני.

בלאַנקעט — אַ צוגעלייגטער, אָפיציעלער פאָרמוליאַר אויף אַן ענטפער.

עטיקעטע — אַ באַשטעטיקונג, וואָס האָט געגעבן דער משפחה די רעכט

צו שיקן אַ פּעקל דעם געפאַנגענעם, פון וואָס דר. שיפּמאַן האָט קיינמאָל נישט געגעסן; (וועגן פּעקלעך זיי ווייטער) ווי דער „אַבזענדער״ פון בריוו פיגורירט דאָ ראָזאַליאָ שיפּמאַן, וואַרשע, אַגראַדאָווע אַ26. דאָ האָט געוווינט די מוטער פון דר. שיפּמאַן מיט איר ברודער, ביז צו זייער אויסזידלונג זומער 1942.

III

קובאַ — דר. יעקב ראָזענבלום, אַ ייִנגערער קאָלעגע פון דר. שיפּמאַן; בעת דער מלחמה געווען לייטער פון „טאָז״ אין וואַרשע. קובא איז געפאָרן קיין סקאַרזשיסקאָ צו זיין שוועסטער, ביי וועלכער ער האָט איבערגעלאָזט זיין איינציקן זון, געווען זיכער אַז דאָ, אויף דער פּראָווינץ, וועט זיין לייכטער איבערצולעבן די אָקופּאַציע און אַליין צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, צו זיין אַרבעט. אַלע אומגעקומען.

דר. ל. וואָלמאַן — געוועזענער דירעקטאָר פון „טאָז״ אין וואַרשע, איצט אין ניו־יאָרק, (דירעקטאָר פון „אָזע״).

פּרעדזשאַ — פרידעריק שטיינמאַן פון טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצקי, אַ שול־חבר פון דר. שיפּמאַן, געשיקט פון דער פּראָווינץ־שטאָט הילף דער משפּחה אין וואַרשע.

געוועזענער שעף — פּראָפ. דר. ווייגל, דערפינדער פון ערשטן אימף־שטאָף קעגן פלעק־טיפוס, וואָס אין וואַרשע צו יענער צייט איז עס שווער געווען — בפרט פאַר אַ ייִדן — צו באַקומען.

סעוועק — דער איינציקער זון פון יונג פאַרשטאָרבענעם פריינד פון דר. שיפּמאַן, קאַרמאַן, געווען וואַרשיינלעך קראַנק אויף פלעק־טיפוס.

פּאָלושיאַ — אַ קריסטין. געווען ביי דער פאַמיליע שיפּמאַן עטלעכע יאָר אַ גוווערנאַנטקע צו די קינדער. זייער איבערגעגעבן; געוואָלט נעמען צו זיך איינס פון די קינדער, נאָר די משפּחה האָט זיך נישט געוואָלט שיידן.

IV

כירורגיע — דר. שיפּמאַן איז לויט זיין איניציאַטיוו איבערגעפירט געוואָרן פון אַן אָפיצירן־לאַגער אין אַ „שטאַם־לאַגער״ פאַר סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, (דאַלום — מערב דייטשלאַנד) וווּ ער איז, ווי דער איינציקער דאָקטאָר, געצוווּנגען געווען זיך צו פאַרנעמען אויך מיט כירורגישע פאַלן.

פרוי ז ע ל י ג ס אָ ן — באַקאַנטע פּעדאַגאָגין, לייטערין פון אַ פּריוואַטער פאָלקסשול „נאַשאַ שקאָלאַ" אין לאָדזש. זיך פאַרנומען מיט די קינדער אין וואַרשע.

V

דער בריוו פון 22.12.1942 — איז געשריבן געוואָרן דורכן דר. שיפּמאַן אַ טאָג איידער ער איז קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס, אַנגעשטעקט דורך די גע־פאַנגענע. געפילט זיך שוין דעמאָלט שלעכט, וואָס ס'איז געקומען אומווילקיר־לעך צום אויסדרוק אין זיין בריוו צו דער משפּחה.

א י ד ע ס — שוואָגער — דער שוואָגער פון פרוי דיפּארט (זע בריוו 1)

ק ר י ש ע ק — דר. הענריק קרישעק — די ידיעה נישט קיין ריכטיקע.

ג אָ ל ד ל ו ס ט — אַ פאַבריקאַנט פון לאָדזש. „געלעגן ביי זיגמונטן" געמיינט די שטאָט לוואָוו, וווּ דר. אָקסנער, אַ פעטער פון דר. שיפּמאַן האָט געוווינט און פּראַקטיצירט. נאָכן באַזעצן די שטאָט פון די דייטשן (30.6.1941) באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

„מזלדיקע" — ווייל באַוויזן צו אַנטלויפן פון אָקופּירטן דורך די דייטשן טייל פּוילן אין דער סאָוויעטישער זאָנע.

ה ע נ י אַ פּיקיעלני — אַ ברודער פון ראַיאַן, אומגעקומען.

דר. ש מ ו א ל ווילנער — פון לאָדזש. געווען אויך אין דייטשער געפאַנ־גענשאַפט אָבער אין אַן אַנדערן לאַגער ; אין וואַרשע איז געווען זיין שוועסטער (אומגעקומען). ווילנערן האָט מען אין לאַגער צוליב זיין האַלטונג גערופן „דער יידישער כריסטוס" ; נאָך דער מלחמה געווען דאָקטאָר אין עפולה ; געשטאָרבן אין יאָר 1953.

VI

ש ט י י נ ב ע ר ג — אַן אַפּטייקער פון וואַרשע ; געווען אויך אין גע־פאַנגענשאַפט ; געהאַט קרובים אין וואַרשע און צוליב דעם האָט מען געקאַנט דורך זייער פאַרמיטלונג איבערשיקן געוויסע געלט־סכומען.

VII

ט ש ל ע נ אָ ו ו — ד״ר באָריס, פאַרזיצער פון אוניאָן „אָזע״, וואָס האָט זיך אין דער צייט געפינען אין גענף ; אַהער האָט זיך אַריבערגעטראָגן די צענטראַלע פון „אָזע״ אין פאַריז, צוליב די מלחמה געשעעענישן.

מאַמע — ערשטע צושריפט פון פרוי פּ י ק י ע ל נ י (שוויגער פון דר. שיפּמאַן).

צווייטע צושריפט פון דער מוטער, פרוי ש י פּ מ אַ ן.

VIII

מיר פירן — ד. ה. דער „טאָז״ אין וואַרשע. דער שרייבער פון בריוו איז דר. יעקב ראָזענבלום, דער לייטער פון „טאָז״. דר. סאָלאָווייטשיקס אַנשטאַלט האָט זיך געפונען אויף כמיעלנע גאַס, ד. ה. מחוצן געטאָ.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן וואַרשעווער „טאָז״ און גענפער אוניאָן „אָזע״ (דר. טשלענאָוו) איז געגאַנגען דורך דר. שיפּמאַן, וואָס האָט — ווי אַ קריגס־געפאַנגענער געקאָנט פירן קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד און איבערגעבן — פאַרשטעלט — וואָס נויטיק. די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ יידן, אפילו אין אָנהויב, ד. ה. ביי די בעסטע באַדינגונגען, האָבן נישט תמיד אַזאַ מעגלעכקייט געהאַט.

נ אַ ט ש ע — קוזינע פון דר. ראָזענבלום ; צו יענער צייט אין ישראל ; פון פּלאַן אַרויספאָרן פון געטאָ איז גאָרנישט געוואָרן.

נ אָ ר ב ו ס — דער איינציקער זון פון דר. ראָזענבלום, זע אויבן.

IX

דער געבוירן־טאָג פאַלט אויס דעם 14.7.

שותּפטעס — די פרוי ראַיאַ האָט מיט נאָך אייניקע פרויען, דערונטער די פרוי פון אַדוואָקאַט פּעכניק פון לאָדזש, געעפנט אַ קיאָסק אין געטאָ.

ס ע ו ו ע ק — אַ 15 יעריקער צו יענער צייט ; יתום נאָך שיפּמאַנס פריינד קארמאן, געוועזענער אַדמיניסטראַטיווער לייטער פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל אין לאָדזש.

ע ק ק אַ מ ע ן — דער צוזאָג צו שרייבן וועגן עקזאַמען האָט נוסיא שוין נישט געקאָנט האַלטן, ווייל אינצווישן איז אויסגעבראָכן די גרויסע אַקציע [זע בריוו X].

X

דער בריוו, אַ קורצער און באַזאָרגעוודיקער, הגם אויך אין אים געפינען זיך טרייסטווערטער און פאַרזיכערונגען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סיבה אויף צו באַאומרויקן זיך. פאַקטיש איז אין וואַרשעווער געטאָ צו דער צייט אָנגעגאַנגען די גרויסע אַקציע, (אָנגעהויבן זיך דעם 22.7, ערב תשעה באב תש״ב), בעת וועלכער מען האָט אַרויסגעשיקט אַ 300,000 יידן אויף אומקום אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע; געבליבן זענען אין געטאָ בלויז די יעניקע וואָס האָבן געאַרבעט אין די אַזוי גערופענע שאָפּן, דייטשע אונטערנעמונגען, אַרבעטס־שטעלעס, און „אומלעגאַלע״ וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסבאַהאַלטן. פאַר־שטענדלעך אַז יעדער קאָנטאַקט מיט דער אויסן־וועלט אין דער צייט איז געווען כמעט אוממעגלעך; אַלנפאַלס זייער באַשווערט. פונדעסטוועגן האָט די משפחה באַוויזן אַרויסצושמוגלען אַ בריוו פון אַרומגערינגלטן געטאָ אויף דער אַרישער זייט, פון וואַנעט ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין געפאַנגען־לאַגער.

דאָס איז דער לעצטער בריוו געשריבן דורך דר. שיפּמאַנס פרוי; אָנהויב סעפּטעמבער איז אויך זי פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער אויסראָטונגס־אַקציע און אומגעקומען. גענויע פרטים וועגן דעם פעלן אונדז.

XI

די קינדער איז שווער צו שרייבן דעם פאָטער, ווייל זיי ווייסן נישט ווי אַזוי איבערצוגעבן דעם פאַקט, וואָס די מוטער איז „אַוועקגעפאָרן״. גאַנץ זיכער אַז אין יענער צייט האָבן די קינדער אַליין געגלויבט אַז די מוטער, אַ „גע־זונטע און שטאַרקע״ (דאָס זענען געווען די מעלות וואָס האָבן קוואַליפיצירט אַ יידן צום לעבן) אַרבעט ערגעץ אויף אַ דייטשער אַרבעטס־שטעלע. מען האָט זיך אַ שטיק צייט דאָ, און אויך אין אַנדערע ערטער געטרייסט, אַז נאָר די אַלטע, קראַנקע, שוואַכע זענען עווענטועל באַשטימט אומגעברענגט צו ווערן,

אָבער כדי נישט באַאומרויִקן דעם פֿאָטער, ווערט די זאַך אַזוי פֿאָרגעשטעלט, ווי עס וואָלט זיך דאָ באמת געהאַנדלט אין אַ פּריוואַטליקן אַרויספֿאָר.

די קינדער רעכענען אַז דעם פֿאָטער, אַ קריגס־געפֿאַנגענעם, וועט לייכטער זײַן מיט דער הילף פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, אָפּצוגעפֿינען דעם אַדרעס פֿון נײַעם וווינאָרט פֿון דער מוטער.

אַ נ ד ז אַ — די מוטער פֿון סעווערק קאַרמאַן, אויך זי — הייסט דאָס — ווי „אַ נישט פּראָדוקטיוו" איז געכאַפּט און אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון געטאָ.

דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפֿן זייער באָבען, דר. שיפּמאַנס מוטער, ר אָ ז אַ ן, מיט איר ברודער און „כמעט אַלע באַקאַנטע און נאָענטע".

די מאַמע — די באָבע שרה, די מוטער פֿון ראַיאַן.

ביידע קינדער, כדי צו האָבן אַ רעכט צו לעבן און בלײַבן אין געטאָ, טרעטן אַרײַן אין שאָפּ פֿון דעם דײַטשן אונטערנעמער וו. צ. טעבענס, וואָס אין קליינעם געטאָ אויף פּראָסטע גאַס. אויף דערצו האָט מען געדאַרפֿט האָבן אָדער אַ סך געלט אָדער אַ גרויסע פּראָטעקציע. קענטיק פֿון די בריוו אַז עמעץ האָט די קינדער פּראָטעזשירט און דערמעגלעכט זיי צו פֿאַרבלײַבן אין וואַרשע (אויף נאָך מער־ווייניקער אַ האַלב יאָר).

XII

די קינדער, — איניאַ אין דעם מאָמענט אַן עלף יאָר אַלט — זענען גע־צוווּנגען צו אַרבעטן אין שאָפּ זייער שווער, אָבער דאָס קומט נישט צום אויסדרוק אין בריוו. פֿאַרקערט, זיי שטעלן דאָס פֿאָר ווי אַן אידיליע, דאָס זעלבע זעען מיר אויך פֿון די שפּעטערדיקע בריוו פֿון לאַגער פּאָניאַטאָוואַ. אַגב, דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז יעדער שאָפּ איז געווען אָפּגעשניטן פֿון צווייטן, דאָס אַרויסגיין פֿון אים איז געווען דערלויבט נאָר מיט דער באַווילִיקונג פֿון די לייטערס נאָך די אַרבעטס־שעהן, און אויך דעמאָלט געווען פֿאַרבונדן מיט סכנות־נפשות.

פּ ל אָ ר אַ פּיקיעלני, קוזינע פֿון ראַיאַן, געפֿינען זיך מחוץ געטאָ, אויף דער, אַזוי גערופֿענער, אַרישער זײַט. אומגעקומען שפּעטער מיט דער אַקציע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „האָטעל פּאָלסקי". באַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז זי איז אַן אויסלענדישע בירגערין און געדאַרפֿט איבערגעשיקט ווערן אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, אָבער די געסטאַפּאָ האָט נישט אַלע דאָקומענטן

אָנערקענט, און די יעניקע, וועמענס דאָקומענטן האָבן נישט געפונען קיין חן אין אירע אויגן, זענען אומגעבראַכט געוואָרן, אָדער נאָך אין דער סביבה פון וואַרשע, אָדער געשיקט געוואָרן שפּעטער פון אינטערנירונגס־לאַגער קיין אוישוויץ אויף אומקום.

די שווערע לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיךביידע טעכטערלעך, און די מורא נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ שלעכט וואָרט פאַרן פאָטער, אַ וואָרט, וואָס זאָל פאַרראַטן דעם אמתן מצב פון די קינדער, זענען וואַרשיינלעך די סיבות, וואָס זיי שרייבן איצט ווייניקער. אַזוי שווער נישט צו דערציילן דעם אמת דעם געליבטן פאָטער! און אַזוי שטאַרק וויל זיך אים איבערגעבן דווקא נאָר גוטס און אָנגענעמס, וואָס איז דאָך נישט בנמצא! דער דאָזיקער אינער־לעכער קאָנפליקט קומט דייטלעך צום אויסדרוק אין דעם בריוו.

XIII

דער געבוירנטאָג פון דר. שיפּמאַן פאַלט אויס דעם 21.11.

XIV

דר. שיפּמאַן האָט געהאַט אַ רעכט איבערשיקן דורך דער לאַגער־פאַר־וואַלטונג זיין געהאַלט, „לאַגער־מאַרקעס״, דער משפחה אין וואַרשע, פון דעם רעכט האָט ער ווי ווייט מעגלעך גענאָסן.

דער צושריפט פון דער מאַמען איז אין דייטש.

ס ט ע ר אַ פּיקיעלני איז איר טאָכטער; געפונען זיך צו דער צייט אין פּ אַ ר י ז און דורך דער פאַרמיטלונג פון קריגס־געפאַנגענעם דר. שיפּמאַן, דערגאַנגען פון איר אַ ידיעה אין וואַרשעווער געטאָ.

XV

אין צווישנצייט האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ ווידער דורכגעמאַכט אַן אַקציע (18.1 — 21.1.43), בעת וועלכער דאָס לעבן איז ווי אָפּגעשטאָרבן. „די פּאָסט האָט נישט פונקציאָנירט״, אַ זעקס טויזנט יידן זענען געכאַפּט און אַרויס־

געשיקט געוואָרן אויף אומקום און דערמיט האָט זיך די אַקציע דערווייל געהאַט פאַרענדיקט און מען האָט געקאָנט ווייטער אַרבעטן און שרייבן... בריוו.

גלאַסמאַן — אוראַלאַג פון וואַרשע, זיך אויף געפונען אין קריגס־געפאַנגענעם לאַגער.

סוף פון בריוו צעשעדיקט.

XVI

סעוועק האָט געאַרבעט, ווי ס׳איז צו זען פון זיין אַדרעס, אָנגעגעבן אין בריוו, אין שאָפּ פון ווילהעלם דערינג, נאַלעווקעס 40/9.

ווי שווער ס׳איז געווען זיך צו פאַרשטענדיקן פון איין שאָפּ מיטן צווייטן, איז צו זען דערפון, וואָס סעוועק פון נאַלעווקעס, קאָן זיך נישט פאַרבינדן מיט די טעכטערלעך, וואָס געפינען זיך אויף פּראָסטע גאַס; ביידע גאַסן, וואָס האָבן געהערט צום זעלבן געטאָ אין וואַרשע, דעריבער בעט ער דעם דר. שיפּמאַן, וואָס האָט זיך געפונען בסך הכל אין... מערב דייטשלאַנד, צו פאַרמיטלען.

פון קריגס־געפאַנגענעם לאַגער איז לייכטער געווען צו קאָרעספּאָנדירן מיט ביידע טיילן פון וואַרשעווער געטאָ.

לוסאַ — די שוועסטער פון סעוועקן, געפונען זיך אין לאָנדאָן.

XVII

דאָס איז דער ערשטער בריוו פון נייעם לאַגער אין דאָרף פּאָניאַטאָוואַ, (קרייז אָפּאָלע, לובלינער דיסטריקט), וווהין מען האָט סוף מערץ 1943 אַריבערגעשיקט די אַרבעטער פון טעבענס שאָפּ אין וואַרשע. דער פּאָסט־סטעמפּל פון דעם קאַרטל איז פון וואַרשע. אַפּנים דאָס קאַרטל איז געשיקט געוואָרן דורך עמעצן, וואָס איז צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע אַמטלעך.

אין פּאָניאַטאָוואַ האָט זיך פאַר דער מלחמה געפונען אַ פאַבריק פון מכשירים פאַר מיליטערישע, טעכנישע אָפּטיילן. די קליינע הייזלעך, געבויטע פאַר דער אַדמיניסטראַציע און אַרבעטער פון דער פאַבריק, זענען געווען צעוואָרפן איבער וועלדער, אַרומגענומען מיט גערטנדלעך, עס זאָל מאַכן אַן

איינדרוק פון אַ געוויינלעכן דאָרפישן ישוב. אויף די יידן וואָס זענען געקומען פון פאַרמאַכטן געטאָ, האָט דאָס אָרט באמת געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ דערהאָלונגס־אָרט, בפרט אַז די ערשטע צייט זענען די דערנערונגס־באַדינ־גונגען און די באַציונג פון די דייטשע לייטערס געווען נישט צום פאַרגלייכן בעסער ווי אין וואַרשע.

XVIII

ס ט ע ר א — די שוועסטער פון דער מוטער, געווען אין פראַנקרייך. די קליינע הייזלעך פון אַרום, האָבן נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לאַגער.

ווער די פרוי ס ט ע פ אַ נ י א איז — ווייסן מיר נישט.

XX

אויפן בריוו פעלט אַ דאַטע פון דער שרייבערין. לויט דער דאַטע פון פאָסט־סטעמפּל — לויט וועלכן מיר האָבן אויסגעסדרט די בריוו, איז דאָס געווען דעם 4.6.1943, נאָר וואַרשיינלעך איז דער בריוו געשריבן געוואָרן פיל פריער. נישט פאַרשטענדלעך איז אונדז אויך דער אויסדרוק, „איך האָב נאָך פון דאַנען צו דיר נישט געשריבן", בעת דאָס ערשטע קאַרטל XVII איז געשריבן פיל פריער, [2.4] דורך איניאַן. אַזעלכע אומקאָנסעקווענצן אין יענער צייט זענען זיכער זייער און זייער פאַרשטענדלעך און סימפּטאָמאַטיש.

די נייע לעבנס־באַדינגונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן ביי די יידן אי אַ גוטן הומאָר אי האָפנונגען ; עס האָט זיך דאָ אָרגאַניזירט אַן אונטער־ערדישע באַוועגונג, אַ קולטור־לעבן, מען האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן פּוי־לישן אונטערערד, מיט די יידן אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע. מ'האָט אַ סך געלייענט, געשריבן זכרונות, (געווען דאָ אַ שטיקל צייט דר. ע. רינגעל־בלום, מ. פיינקינד א. א.)

אַ טייל אונטערערדישע טוער איז געלונגען פון דאַנען אַרויס פאַר דער ליקווידאַציע פון לאַגער, און שפּעטער אומגעקומען.

XXII

דער געבוירנטאָג פון איניאַן פאַלט אויס דעם 22.6, דאָס הייסט, אַז די ווונטשן זענען אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט.

XXIII

דאָס איז דאָס לעצטע קאַרטל, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעהיט.

אַזוי האָבן די קינדער דאָ געלעבט, געאַרבעט, פאַרברענגט אין די „בעסטע" באַדינגונגען וואָס נאָר מעגלעך אין אַ דייטשן לאַגער, ביז ס'איז פּלוצעם אומגעריכט געקומען דער מאָמענט פון ליקווידאַציע. אַלע איינוווינער — חוץ צוויי־דריי פרויען וואָס ס'איז זיי געלונגען אַנטרינען צו ווערן — טויזנטער דערוואַקסענע, מענער, פרויען, קינדער, זענען אין דער אַקציע אומגעקומען, צווישן זיי אויך נוסיאַ און איניאַ. פּרטים וועגן זייערע לעצטע טעג פעלן אונדז. (ע הקדמה).

אויף די אויבנגעבראַכטע בריוו, קאַרטלעך, געשיקטע פון וואַרשע, פיגורירן ווי אָפזענדער אויפן

נר. I	Rebeka Szyfman, Warschau Zielna 6/6 Generalgouvernement
נר. X, II	Rozalja Szyfman Warschau, Ogrodowa 26a, Wohnung 5,
נר. VII, III	Rebeka Szyfman, Warschau, Leszno 54, m. 12
נר. VIII	Dr. Rozenblum Jakob; Warschau, Gęsia 43
נר. IX	Anna Szyfman, Warschau, Leszno 54, m. 12

די בריוו XI—XV, געשיקט פון טעבענסעס שאָפּ אין וואַרשע, גיבן אָן דעם אַדרעס ווי פאָלגנדיק:

Firma W. C. Toebbens KG Warschau, Werk I
Prostastr. 14, Anna Szyfman

דער לעצטער בריוו פון וואַרשע XVI —
Nalewki 40/9 Firma Wilhelm Döring
Apparatebau, GmbH Daumstr. 19, Sewek Korman

די בריוו פון פּאָניאַטאָווע — XVII — XXIII:
Anna Szyfman, Poniatowa bei:
Opola, Werke Poniatowa, Kreis (Distrikt) Lublin

אַלע בריוו זענען אַדרעסירט צו:
Dr. med. Obltn (Oberleutnant)
Leib Szyfman Gefangenennummer 778, Stalag VI c.
Deutschland.

חוץ דעם ערשטן בריוו, וואָס איז אַדרעסירט קיין Rumänien
Lagerul Ofiterilor Polonez Targovista. Durch Deutschland.
(זע פאָטאָקאָפּיע)

אויף אַ טייל בריוו זענען טיילמאָל נאָך צוגעגעבן צום אויביקן אַדרעס נעענטערע באַצייכענונגען, ווי:

Bathorn, Post Hoogsfelde
Lazarett in Dalum. Emsland.
Bathorn, Grafschaft, Beuntherm Emsland.

הערות צו די פאָטאָגראַפיעס:

I נוסיאַ און איניאַ אויף אַ זומער־דאַטשע אין אינאָוולוץ ביי טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי, 1938.

II אין אָריגינאַל — ווי ס'איז צו זען פון דער פאָטאָקאָפּיע — איז דער טיטל Majowa noc [„מאַי־נאַכט"] אַדורכגעשטראָכן. קענטיק, אַז די דיכטערין גופא האָט געהאַט ספקות, צי דער טיטל איז אַן אַנטשפּרעכנדיקער.

III — IV דאָס איז אַ פאָטאָגראַפיע מיט אַ צושריפט אויף דער אַנדערער זייט: „וואַרשע, 9.8.40. דעם געליבטן פאָטער שיקן מיר די פאָטאָגראַפיע בעתן שפּילן אין האַנט־באַל; איך האָב אַ ביסל אַ פאַרטונקלט פּנים. איניאַ שטייט אין דער מיט.

מיר קושן דאָס נעזעלע, די וואָנסעלעך און אייגעלעך

נוסיאַ און איניאַ

מיר געפינען זיך נעבן אונדזער הויז עק זיעלנאַ און כמיעלנאַ.

די הויכע מויער טיילט אָפּ די „פאַרפעסטעטע געגנט" (Seuchenspergebiet) פון ערשטן טייל שטאָט. דאָס איז געווען אַן עטאַפּ צום שפּעטערדיקן געטאָ.

V פרוי ראַיאַ שיפמאַן

VI צום יאָרטאָג פון דער חתונה פון זייערע עלטערן, האָבן די קינדער צוגע־שיקט דעם פאָטער צונויפגעלייגטע צוויי טעוועלעך קאַרטאָן מיט אויפגעקלעפּטע פיר פאָטאָגראַפיעס פון דער גאַנצער משפּחה מיט דער צושריפט:

„דעם טאַטעשי און מאַמעשי

פון איניען און נוסיען"

אינעווייניק געשריבן מיט געדרוקטע אותיות — אַ פיר־פּערז:

Kochani Rodzice
w dniu ślubu rocznicę
z oddali o Was myślimy
i dużo szczęścia życzymy.

[ליבע עלטערן, אין יאָרטאָג פון דער חתונה קלערן מיר פון דער ווייטנס וועגן איך און ווינטשן אַ סך גליק].

VII די קינדער אין אָרלאָווע, אויפן באַלטישן ים, 1934.

VIII די מוטער און טעכטערלעך אין וואַרשעווער געטאָ, 1941.

IX די מוטער און טעכטערלעך אין לאָדזש פאַר דער מלחמה.

X דר. שיפמאַן אין געפאַנגענשאַפט בעת דער רעגיסטראַציע; „אָפיצירן לאַגער VI". זיין געפאַנגענעם נומער 778 זעען מיר אויף די אַדרעסן פון די בריוו צו אים (זע פאָטאָגראַפיע XIV).

XI דר. ל. שיפמאַן אין קריגס־געפאַנגענעם־לאַגער.

XII פרוי שיפמאַן אין וואַרשעווער געטאָ, 1942.

XIII בריוו פון 4.11.1942, נר. XIII.

XIV פאָסט־קאַרטל, געשיקט פון פאַניאַטאָוואַ צום פאָטער אין קריגס־געפאַנגענעם־לאַגער. מיר זעען דאָ ביידנס גענויע אַדרעסן.

XV פאָסט־קאַרטל, געשיקט פון פאַניאַטאָוואַ דעם 14.4.1943. (זע בריוו נר. XVIII).

XVI פאָטאָ־קאָפּיע פון בריוו, געשיקט פון פאַניאַטאָווא, אָן אַ דאַטע. (זע נר. XX).

XVII סוף פון פריערדיקן בריוו.

אינהאַלט

	זייט
הקדמה	9
בריוו :	
א. וואַרשע	21
ב. פּאָניאַטאָווא	65
הערות צו די :	
בריוו	81
פאָטאָגראַפיעס	92